STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02878

SHRAYBER UN BIKHER

David Sfard

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ספֿאַרד

שרײַבער און ביכער

ערשטער באַנד

פֿ אַ ר ל אַ ג „ י ד י ש ־ ב ו ך"

לאָדזש ★ 1949

הילע געצייכנט פון ה. העכטקאפף

Dawid Sfard
„SZRAJBER UN BICHER"
Wyd. „Idisz Buch" przy CKŻP
Łódź — 1949

Drukarnia R. S. W. „Prasa"
Łódź, ul. Narutowicza 32.
Zam. Nr 231-49 3.000 egz.
D-030975

דעם הייליקן אנדענק
פון מיין מאמען פייגע יענטע
מיין שוועסטער חנה
איך מאַן בן־ציון
זייער זון מרדכי
און טעכטערל מאַטעלע,
וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן
דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור

פ א ר וו אָ ר ט

די יידישע ליטעראַטור איז פון איר סאַמע אָנהויב געווען א פאָלקס = ליטעראַטור. סיי די פאָרגייער פון די יידישע קלאַסיקער, סיי די קלאַסיקער גופא, האָבן פארטיידיקט די אינטערעסן פון פשוטן יידישן פאָלקס=מענטש קעגן די גבירים און קלער, קעגן די קהילה=לייט און בעלי=גופים. זיי האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן דאָס פאָלק, באַפרייען עס פון די אַבערגלויבנס, מיט דער הילף פון וועלכע די רייכע און הערשנדיקע שיכטן האָבן געהאַמעוועט דאָס זעלבסטשטענדיקע דענקען פון פאָלק, און אַזוי אַרום געהאַלטן עס אין קנעכשאַפט.

דאָסגלייכן האָט זיך די יידישע ליטעראַטור פון סאַמע אָנהויב באַמיט צו פארמיאוסן אין די אויגן פון יעדן פאָלקס=מענטש די בטלנותדיקע אַטמאָספער פון בית = מדרש און חסידים= שטיבל און פארשפּרייט דעם קולט פון ארבעט און מלאכה, גע= לערנט ווי צו זיין א נוצלעכער מענטש אין דער געזעלשאַפט.

דאָס יידישע בוך האָט דעריבער פון זיין ערשטן אויפקום ארויסגערופן א צווייאיקע באַציונג צו זיך. מצד דעם רייכן שטאַנד און אַלע זיינע יוצא=משרתים — בטול און שנאה, אומדירעק= טע און דירעקטע רדיפות. מצד דעם פשוטן פאָלקס = מענטש, דעם ארבעטער און בעל = מלאכה — אָפּשיי און ליבע. אין די אויגן פון פאָלק האָט דער אויטאָריטעט פון יידישן בוך געהאַלטן אין איין וואַקסן. ס'איז געוואָרן פיל מער, ווי א זאַך פון בלויזער פאַר= ווייַלונג, אָדער אפילו שטודיום. ארום דעם בוך האָט זיך געשאַפן אן אַטמאָספער פון א נייעם לעבנס = שטייגער, פון אן אנדערער־

וועלט, א מער ליכטיקער און פרייער. דאָרט, ווו דאָס יידישע בוך האָט אריינגעדרונגען, האָט עס אריינגעבראכט אויפרודערונג און אומרו; די יוגנט האָט אָנגעהויבן אנדערש צו רעדן, אנדערש צו פילן. ווער עס געדענקט, וואָס עס האָט באַדייט אַן ערשט געשאַפענע יידישע ביבליאָטעק אין א שטעטל, מיט וואָס פאר א פיעטעט מען האָט ארומגערינגלט דעם „לאָקאל“, מיט וואָס פאר א הייליקן ציטער מען האָט געטראָגן אין די זומערדיקע פארנאכטן דאָס אויסגעבאָרגטע בוך, ווי עס זאָל אנטהאלטן אין זיך אלע יוגנטלעכע בענקשאפטן און חלומות, אלע האָפענונגען אויף א שענער און בעסער לעבן, בלויז דער קאָן האָבן א פאָרשטעלונג וועגן דער ראָל, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט דאָס יידישע בוך.

די ערשטע שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן דערשאצט די דאָזיקע הירנדיקע באַציונג פון יידישן פאָלקס-מענטש צו זיין יונגער ליטעראַטור, און זיי האָבן זיך מיט זייערע שאפונגען אליץ מער און מער פארבונדן מיט דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פון פאָלק, מיט זיינע ליידן און פריידן, כדי זיי צו קענען נאָך בעסער און רעאַלער אָפּשפּיגלען און באַזינגען.

דער דאָזיקער בונד האָט זיך פארוואנדלט אין א ברכה פאר ביידע צדדים. דאָס פאָלק האָט אין אים געפינען דערמונטערונג און טרייסט, דער שרייבער — באַגייסטערונג און נייע קוואלן פאר ווייטערדיקן שאפן.

אזעלכע נאטירלעכע באַציונגען צווישן לייענער און שרייבער האָבן געהערשט שוין אין ערשטן פעריאָד פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ביז אין די 60-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט צו פארצייכענען אזעלכע רעאליסטישע פאָלקס-שרייבער, ווי דער אויטאָר פון דער אנאָנימער „די גענאַרטע וועלט“, אַקסנפעלד, עטינגער, דיק, ליגעצקי, און באַזונדערס אין צווייטן פעריאָד, סוף 19-טן און אָנהויב 20-טן יאָרהונדערט, ווען די יידישע ליטעראַטור איז אַ דאַנק אונדזערע קלאַסיקער און די דירעקטע תלמידים זייערע דערהויבן געוואָרן פון א פאָלקס-ליטעראַטור צו א נאציאָנאלער.

אין די יאָרן פון צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט-מלחמה האָט זיך אין דער הינזיכט פיל געענדערט. קאַסרילעווקע האָט זיך

אלץ מער און אלץ ענערגישער אָנגעהויבן איבערצוציִען קיין יעהופּעץ. דער פעאָדאלער לעבנס־שטייגער איז שוין, ווי א שאָטן ביימאָג, געוואָרן פאַרדרענגט בלויז צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען און העקן. דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן אינגערלעך שטאַרק דיפערענצירט. עס האָבן זיך שוין בולט אין דעם אויסגעטיילט אויף אלע אָפּשניטן, סיי עקאָנאָמישע, סיי קולטורעלע, די אומפשרותדיקע קלאַסן־קעגנזאַצן. אין דעם דאָזיקן פעריאָד איז שוין שווער צו רעדן וועגן אן אייגהייטלעכער יידישער ליטעראַטור און נאָך שווערער איז צו רעדן וועגן אן אינטעגראַלן בונד צווישן דער יידישער ליטעראַטור און יידישן פאָלק — געמיינט דעם רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק — דעם יידישן ארבעטער און פאָלקס־מענטש. איינציקע שרייבער האָבן באַוווסטזיניק פאַרשטאָפּט די קאַנאַלן, דורך וועלכע עס דאַרפן אויפקומען אין א ליטעראַטור די באַדערפענישן און די שטרעבונגען פון די פאָלקסמאַסן. אנדערע האָבן אומבאַוווסטזיניק אוועקגעבלאָנדזשעט אויף די פאַרנעפּלטע וועגן פון אבסטראַקטן עסטעטיזם און אויסשליסלעכער „ריינער קונסט“, — וועגן, וועלכע, ווי הויך אין די הימלען עס האָט זיי זיך נישט אויסגעפאַנטאַזירט דער שרייבער, זיינען זיי אין דער ווירקלעכקייט ס'רוב געלעגן צופיסנס פון די הערשנדיקע שיכטן.

צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען און שולן, צווישן די פאַרשידענע קינסטלעריש־רעאַליזירטע וועלט־אָנשויאונגען איז שוין דעמאָלט פאָרגעקומען א העפטיקער קאַמף. עס זענען געווען שרייבער, וועלכע האָבן ביי דעם גאַנצן בלבול־המוחות און ספּעציעלער פאַרנעפּלונג פון יעדער קלאָרקייט אין יענער צייט, מוטיק געפּרעדיקט דעם אמת און די פשטות אלס די הויפּט־געזעצן פון דער קונסט, און די אינטערעסן פון פאָלק — אלס איר הויפּט־צוועק. אויך די אַנדערע האָבן דעמאָלט געהאַט זייער „באַרעכטיקונג“, ווייל ערגעץ־ווו, דירעקט, אָדער אומדירעקט, האָבן זיי זיך אָנגעלענט אויף אַ געוויסן שיכט. אָבער אין דעם אָפּטימיסטישן מיט בטחון אויסגעבעטן פאָלקס־גרונט, האָבן זיך די פעסימיסטישע און יאושדיקע שטימונגען פון געוויסע שרייבער נישט אָנגענומען, אין דער וואַרעמער אַטמאָספער פון קיינמאָל זיך נישט לעשנדיקן פאָלקס־גלויבן זיינען זייער נעפּלדיקע און קאַלטע רייד זיך צעגאַנגען, ווי שניי אויף פרילינגדיקער זון.

אין איצטיקן מאָמענט שטייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן — און נישט נאָר אין פוילן — אַן אויפגאַבע פון אַזאַ קאָלאָסאַלער וויכטיקייט און גרייס, וואָס פיל פון די שרייבער גיבן זיך, ליידער, נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון. אין די ערשטע יאָרן פון איר אויפקום האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אין זיך יענע יונגע ענערגיע און קוואַלנדיקע התלהבות, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער פרישער אויפקומענדיקער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג. איר שליחות צו ענדערן דעם מאָראַלישן און מאַטעריעלן לעבנס-שטייגער פון פאָלק, האָט אָנגעטראָפן אויף א געזונטן און פעסטן יסוד, אויף א גרויסער איינגעוואָרצלטער יידישער מאסע. איצט דאַרף די יידישע ליטעראַטור אויפהויבן זיך אַליין, און מיט זיך דאָס גאַנצע פאַרבליבענע פאָלק פון אונטער די שוידערלעכע חורבות, גובר זייענדיק דערביי דעם גאַנצן אָנוואַלגער פון שווערער מידקייט און טיפן יאוש און אומצעליקע הויפנס פון אומצוטרוי צום מענטש, אָן וועלכן עס איז בכלל קיין ליטעראַטור נישט מעגלעך. די יידישע ליטעראַטור דאַרף דורך אַן אומענדלעכן תהום פון אייגענעם פיזישן אומקום און מענטשלעכער מאָראַלישער נעפּאַלנקייט ווייטער גרייכן צו די לויטערסטע קוואַלן פון דער יידישער עטיק, צו די קוואַלן פון מענטשן-ליבע און מענטשן-פאַרהערלעכונג. צי איז מעגלעך אַזאַ אויפגאַבע צו רעאַליזירן אָן דער אינטימסטער פאַרבינדונג מיטן פאָלק, מיט זיינע טאָג-טעגלעכע זאָרגן און פריידן, מיט זיין טאָג-טעגלעכער אַרבעט און שטרעבונגען אויף ווייטער?

מען באַנוצט היינט זייער אָפט דאָס וואָרט „המשך“. און פיל שרייבער און קולטור-טוער פון די פאַרשידנסטע ריכטונגען און שאַטירונגען דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט, אַז מיר מוזן אָנבינדן אין די שענסטע טראַדיציעס פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו קענען נאָך אַזאַ בלוט-אָפּפלוס ווייטער עקזיסטירן. אָבער זייער פיל פון די, וואָס זאָגן דאָס, אויב אפילו עס איז ביי זיי נישט קיין סתם שיינע רייד, שטעלן זיך פאָר דעם דאָזיקן המשך און די דאָזיקע פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט פולשטענדיק אַבסטראַקט, איבערהיפּערנדיק די איצטיקע קאָנקרעטע ווירקלעכקייט און אפילו נעגירנדיק זי. אַזאַ פאָרשטעלונג איז אין בעסטן פאַל נישט ערנסט געמיינט מיט דעם, וואָס מען זאָגט. דער יידישער שרייבער, וואָס איז באמת א

טרייער זון פון זיין פאָלק און מיינט אויפריכטיק מיט זיין ליבע צו אים, פאַרבינדט קודם כל זיין גורל מיט די, צווישן וועלכע ער וווינט, נעמט זיך איבער מיט זייערע האָפענונגען און שטרעבונגען, לעבט מיט זייער קאָנקרעט לעבן, ווייל גאָר פון אָט דעם קאָנקרעטן לעבן ארויסגייענדיק און אויף אים זיך אָנשפּארנדיק, איז ווירקלעך מעגלעך אָנצובינדן אין דער פארגאנגענהייט, און דאָס שענסטע און בעסטע פון איר איבערצופלאנצן אין דער קעגנווארט פאר ווייטערדיקן פרוכטבארן אויפבלי. מיט אָט דער קעגנווארט פון אונדזער ניי באפרייט לעבן, מיט אלע אין איר נאָך עקזיסטירנדיקע שוועריקייטן און פאַרשטייענדיקע שטריטן, דארף דער יידישער שרייבער פארבינדן זיין חלום אויף דער צוקונפט און זיין וויזיע וועגן דער פארגאנגענהייט, אויב ער וויל נישט, אז זיין שעפערישע מי זאָל ווי א פרוכטלאָזער וואָלקן דורכגיין איבער אונדזער אויפגעלויכטענעם האָריזאָנט און מיט קארגע טראָפנס בלויז צערייצן אונדזער דורשטיק געמיט.

דער וועג פון שרייבער אין אַלע צייטן, און נאָך מער איצט, איז דער וועג פון פאָלק, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיינע שעפערישע זאפטן און צווישן וועלכן ער וווינט. יעדע צינישע, אָדער נעגירנדיקע באציונג צו אָט דעם עלעמענטארן אמת דערפירט אין ענדגילטיקן סך-הכל צו א צינישער און נעגירנדיקער באציונג צו ליטעראטור בכלל.

מיטן פּנים צו דער קלאַסיק

די ווירקלעכקייט איז די איינציקע קאָנטראָלירנדיקע אינסטאַנץ פֿון יעדן טעאָרעטישן געדאַנק. אויף דער ווירקלעכקייט פּרוּווּן מיר אויס דעם אמת פֿון געזעלשאַפֿטלעכע איינשטעלונגען, פֿון פֿילאָזאָפֿישע השערות און פֿון וויסנשאַפֿטלעכע הנחות. די פּראָבלעמען פֿון ליטעראַטור און קונסט זיינען נישט קיין אויסנאַם. אויב מיר וועלן באַטראַכטן די דאָזיקע פּראָבלעמען אָפּגעריסן פֿון לעבן, חוי פּראָבלעמען פֿון אַ געביט, וואָס אינטערליגנט בלויז זיינע אימאַנענטע געזעצן, דאַן וועלן מיר באַקומען נישט קיין שטאַנדהאַפֿטיקע, אומבאַשטימטע אויספֿירן, וועלכע זיינען מסוגל נישט בלויז יענע קינסטלערישע ווערט, נאָר אַפֿילו די גאַנצע קונסט אַלס אַזעלכע, צו שטעלן אונטערן צייכן פֿון אַבסאָלוטער באַדינגלעכקייט. אָבער די פּראָבלעמען פֿון ליטעראַטור און קונסט דאַרפֿן נישט בלויז דורך דער ווירקלעכקייט זיין קאָנטראָלירט, זיי דאַרפֿן אין דער ערשטער ריי אָרגאַניש פֿון איר אַרויסוואַקסן. דאָס הייסט: זיי דאַרפֿן דורך איר זיין באַהאָפֿטן מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, דורך איר האָבן אַן אויסבליק אין דער צוקונפֿט.

אמת, צווישן אונדז און דער פֿאַרגאַנגענהייט ליגט אַ שוואַרצער תהום פֿון היטלערישער הערשאַפֿט, וועלכער דראָט מיט זיין פֿינצטערניש צו פֿאַרמעקן אַלע אונדזערע ביז איצטיקע באַגריפֿן וועגן מענטשלעכער עטיק, אַלע אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן מענטשלעכער קולטור און קונסט. אָבער דאָס לעבן האָט זיך זיין איינגאַרטיקן אינערלעכן גאַנג, אָפֿטמאָל למעלה פֿון אונדזער מענטשלעכן שכל, למעלה פֿון אונדזער מענטשלעכן געפֿיל. אויף די ראַנדן פֿון אונדזער אָפּגרונטיקן אום=

גליק גייט דאָס דאָזיקע לעבן איצט ווידער אויף מיט זאַפטע גרינע פּלאַנצן, וועלכע ציִען אויס אין די טיפענישן פון פאָלק זייערע יונגע וואָרצלען, כדי זיך צו באַהעפטן מיט די אַלטע, וועלכע זיינען דאָרט געבליבן שטעקן. עס וואָלט דאָך געווען פון אונזער זייט, פון דער זייט פון די יידישע שרייבער און קולטור=שעפער, דאָס גרעסטע פאַרברעכן לגבי דעם פאָלק, ווען מיר זאָלן זיך לאָזן מיט דעם דאָזיקן נייעם אויפקומענדיקן לעבן גיין אויטאָמאַטיש, אויף אַלטע אויסגעטראָטענע וועגן. נישטאָ אַזאַ פּראָבלעם אויף יעדן געביט פון אונדזער זיין, וואָס זאָל נישט מוזן נאָך די דאָזיקע יאָרן פון גרויל און אומקום געשטעלט ווערן פונסניי אויפן סדר=היום, וואָס זאָל נישט פאָדערן אַ נייע גרינטלעכע באַטראַכטונג. ס'איז אויך נישטאָ אַזאַ פּראָבלעם אויף יעדן געביט פון אונדזער זיין, וואָס זאָל נישט פאָדערן אין איצטיקן מאָמענט אַן אייגנהייטלעכע לעזונג. ווארום די געפאר, וועלכע עס שטעלן מיט זיך פאַר די מלחמה=העצער און שונאים פון דער מענטשהייט אומעטום, איז געווענדט קעגן גאַנצן יידישן פאָלק, און נישט בלויז קעגן דעם, אָדער יענעם טייל זיינעם.

אַזאַ גרינטלעכע רעוויזיע און אייגנהייטלעכע לעזונג פאָדערט איצט אויך דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער ליטעראַטור.

אוודאי זיינען די לעצטע יאָרן געווען די סאַמע גרויליקסטע אין אונדזער געשיכטע, אָבער אומגליק און פּיין האָט אונדזער פאָלק קיינמאָל נישט אויסגעמיטן, פון די עלטסטע צייטן ביז אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אונדזער גאַנצע נייע מאָדערנע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען אין באַדינגונגען פון תחום־המושבם, עקסטערמינאַציעס און פּאָגראָמען. פרעגט זיך — פון וואַנען האָבן די יידישע שרייבער פון דער פריער און שפּעטערער השכלה, פון וואַנען האָבן אונדזערע קלאַסיקער אין אַזעלכע פינצטערע צייטן גענומען אַזאַ האָפערדיקן נאַטירלעכן אָפּטימיזם און אַזאַ ליכטיקן פאָלקסטימלעכן הומאָר?

זיי האָבן עס גענומען פון פאָלק.

דאָס פאָלק איז נישט בלויז געווען דער סטימול פאַר זייער שאַפן. עס איז אויך געווען דער געבענטשטער קוואַל פון זייערע העלדן, פון זייער שפּראַך און זייער נוסח. עס איז געווען עפּעס פון דער מדרגה פון „ישראל ואוריתא חד הוא“. דאָס פאָלק און

די ליטעראַטור איז איינס. וואָרום הומאָר בכלל, און אַזאַ הומאָר, וועלכער דערהויבט זיך ביז פאַראַלגעמיינערטע באַגריפן און ווערטן בפרט, קען אויפקומען נאָר אין אַזעלכע שאַפונגען, וועלכע וואָרצלען טיף און זיכער אין אַ באָדן, און אָפּטימיזם — דאָרט, וו עס איז פאַראַן באַהעפטקייט מיט אַ כלל. דאָקעגן יעדע אָפּגעריסנקייט, אַליינקייט און אויסגעוואָרצלטקייט פירט צו אויסוועגלאָזן טרויער און פעסימיזם.

גענעמט למשל אַזעלכע שורות פון אַ יידישן דיכטער געשריבן אין יאָר 1942:

„אויף אַ פאָדעם, וואָס איז אוממשותדיקער פון אַ שטראַל
הענגט דער אַל פון מיין גלויבן.
זע — אויבן און אוקינוס מיט בלויער גלייכגילט פון אַ גע׳ן;
פון לינקס קעץ — ווילדע, וואַלדיקע, גרויסע אומגעהויער;
פון רעכטס שוועבל און פייער, בראַנדיקע רויטע וויגנס;
פון הינטן עקדישן און שלענג, גרייטע מיט טויטלעכן סם,
און פון פאָרנט דער ים פון שלינגענדיקע שאָטנס, אָן
אנטרינונג.
אַ זוכער אָן געפינונג, אַליין, אַלץ אַליינער
שטיי איך איינער אינמיטן“.
(א. לעיעלעס: „אַ ייִד אויפן ים“)

דאָס זיינען טעלעכע שורות פון א סך ביי דעם זעלבן דיכטער. דאָס זיינען עטלעכע שורות פון פיל מער ווי א סך ביי א גאַנצער ריי אַנדערע דיכטער. צי איז דאָס בלויז קווינט־עסענץ פון ווייטיק מחמת דעם שוידערלעכן אומקום פון אַזאַ גרויסן און וואָגיקן טייל פון אונדזער פאָלק? אַוודאי שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל אונדזער אומפאַרגלייכלעכער בראָך מיט אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען פון עלנטקייט און אַרומיקער גלייכגילטיקייט. עס איז אָבער דאָך נישט די איינציקע און וויכטיקסטע סיבה. די דאָזיקע שטימונגען וואָרצלען נאָך אין אַ פריערדיקן פּעריאָד, און זייער באַפרוכפּערנדיקער באָדן איז דער אַבסטראַקטער נישט וועזנטלעכער קאָנטאַקט מיטן פאָלק. גראָד איז דער אויבנציטירטער דיכטער אַ מענטש מיט געזעלשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען, אָבער נישט יעדע געזעלשאַפטלעכקייט איז פאָלקישקייט. אין דער קונסט דערזען מיר דעם מענטשן, נישט בלויז אַזאַ, ווי ער ווייזט זיך פאַר אַנדערע, נאָר ווי ער איז מיט זיך אַליין, מיר דערזען די וואָרצלען פון זיינע שטי־

מונגען, וועלכע זיינען מערסטנטייל, באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק, אויסבאַהאַלטן אין די טונקלקייטן פון זיין אינערלעכן וועלט=באַנעם.

די דאָזיקע שורות און צענדליקער אנדערע, בעסערע אָדער ערגערע פון שטאַנדפּונקט פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, זאָגן עדות וועגן דעם, אַז אַ גרויסער טייל פון לעצטן דור שרייבער האָט אין תוך איבערגעריסן מיט דעם עיקר פון אונדזער ליטעראַרישן אָנהייב, מיטן עיקר פון אונדזער קלאַסיק, וואָס איז באַשטאַנען אין דער אידענטיטעט פון שרייבער מיטן פאָלק, מיט ליידנדיקן, אַרבעטנדיקן און שעפערישן פאָלק, און דורך דעם פאָלק מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

די יידישע בורזשואַזיע, פּונקט ווי יעדע בורזשואַזיע, האָט בלויז אויף אַ קליינעם געשיכטע=אָפּשניט פון משכיליש=אויפקלערערישער אידעען=פאַרשפּרייטונג אויסגעדריקט טיילווייז אויך די אינטערעסן פון מאַסן=מענטש. באַלד דערנאָך איז איר וועג, סיי אין נאַציאָנאַל=עקאָנאָמישער, סיי אין נאַציאָנאַל=קולטורעלער הינזיכט, אַוועק אין דער ריכטונג פון פאָלקס=פאַרפרעמדקייט. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט די דאָזיקע ריכטונג אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען, צילגעווענדטע און פאַרנעפּלטע. אָבער וועלכע האָבן אַלע באַשטימטע בשותפותדיקע שטריכן. די דאָזיקע שטריכן זיינען: איזאָלירטקייט פון פאָלק און מכלומרשדיקע איבערפּאַרטייאישקייט פון קונסט, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין שטימונגען פון פולשטענדיקער איינזאַמקייט, אין אַבסטראַקטע פאָרם= און אינהאַלט=זוכענישן און אין אויסוועגלאָזן פעסימיזם.

די סקאַלע פון פאָלקס=פאַרפרעמדקייט אונטערן דרוק פון בורזשואַזע אויסווירקונגען איז, פאַרשטייט זיך, אַ גאָר ברייטע. זי הויבט זיך אָן פון אָפענער פאָלקס=פיינטלעכקייט, סיי אין טאָג=טעגלעכע קאָנקרעטע אַרויסזאָגונגען און האַנדלונגען, סיי אין קינסטלערישע אויסערונגען, און זי ענדיקט זיך מיט אויפריכטיקע, דורכגעווייטיקטע און וואַקלענדיקע שטימונגען.

ווי אַ ביישפּיל פון די לעצטע קענען דינען די אַרויסזאָגונגען פון פיין דענקענדיקן און פיינפילנדיקן דיכטער און עסייאיסט י. י. טרונק (אין „געצעלטן" נומער 16—15), „איז עס דער סוף? — פרעגט זיך י. י. טרונק — איך וויל נישט זיין אַזאַ האָפערדיקער

אָפּטימיסט און זאָגן, אַז אויפֿן וועג נאָכן חורבן בליען שוין די עפּל-ביימער פֿון פֿרילינג. אפשר איז עס דער סוף. און אפשר... ווו עס נעמען זיך פֿאַנאַנדער די וועגן פֿון דער געשיכטע קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן. זיי נעמען זיך פֿאַנאַנדער אין די טונקלקייטן. — — — יעדער סוף קען טאַקע זיין די ביטערע ענד, אָבער ער קען אויך זיין דער אָנהויב".

אָבער אויך אַזעלכע עלעגישע באַטראַכטונגען שטייען מן הצד פֿון ווירקלעכן לעבן פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק, דער אייגנטלעכער טרעגער פֿון אַלע פּיינען און ליידן, שליסט איין אַפֿילו די לעצטע אין די ראַמען פֿון לעבן און וווקס. ענלעכע באַגריפֿן ווי סוף און טויט האָבן צו אים קיין שייכות נישט. אין ליכט פֿון טיפֿערן באַנעמען דאָס וועזן פֿון אַ פֿאָלק קומט אויף די דיאַלעקטיק פֿון דערשיינונגען אויף אַ מערקווירדיקן אופֿן. יסורים און פּיין אונטערן צייכן פֿון טויט און פֿון סוף, מעגן דאָס זיין די שווידערלעכסטע יסורים און שווידערלעכסטע פּיין, טראָגן אין זיך אַן עלעמענט פֿון באַרואיקונג. דיכטער, ביי וועלכע דער קרייז פֿון געפֿילן הויבט זיך אָן ביי זיי „פֿון זיך" און ענדיקט זיך „אין זיך", געפֿינענדיק קיין אויסוועג פֿאַר זייער איבערלעבונג אין דער רעאַלער דרויסנדיקער וועלט, סובלימירן זייער אייגן געפֿיל, ד. ה. די פֿאָרשטעלונג פֿון ליידן, ביז אַ זעלבסט-צוועק, כדי אַזוי אַרום געפֿינען אַ וועלכע ס'איז נישט מענטשלעכע פֿאַרעגטפֿערונג און קינסטלערישע פֿאַרנאַנטקייט פֿון זייער אינערלעכער וועלט. אָבער דערמיט אַליין פֿאַרשמעלערן זיי דעם אינהאַלט פֿון זייער טעמע און טעמפּן אָפּ די שאַרף פֿון זייער געפֿיל. מיסטישע געפֿילן פֿון פּייַן און אומקום - פֿאַרהייליקונג שלינגען איין דעם נאַטירלעכן געשריי פֿון פּשוטע מענטשלעכע הערצער, וועלכער איז עלול צו שפּאַלטן אַלע זיבן הימלען.

דאַקעגן איז די אינטימע באַהאָפֿטנקייט מיטן פֿאָלק, די אינערלעכע איבערצייגונג אין זיין אומפֿאַרגענגלעכקייט, דאָס דערזען זיינע יסורים און פּיין אין דער פּערספּעקטיוו פֿון זיין ווייטערדיקן גאַנג, מסוגל צו באַנעמען יעדע איבערלעבונג פֿון פֿאָלק, ווי אומגעוויינלעך און שווידערלעך זי זאָל נישט זיין, פֿון אַזאַ נאַציאָנאַלער טיף, ווו דאָס נאַציאָנאַלע אידענטיפֿיצירט זיך פֿולשטענדיק מיט דעם אַלגעמיין מענטשלעכן.

דער פעסימיזם, די אויסוועגלאָזיקייט און די מיסטישע סובלימאַציע פון די לײַדן פון ייִדישן פאָלק, וועלכע הערשן איצט אַזוי שטאַרק אין דער ייִדישער דיכטונג און אין דער ייִדישער פּראָזע אין באַשטימטע שרייבער=קרייזן, זיינען נישט בלויז א פועל=יוצא פון אונדזער גרויסן אומגליק. דאָס דאָזיקע אומגליק דערזען מיר אין זיין גאַנצער שוידערלעכער גרויס גראָד דורך די מאָמענטן פון גבורה, פון בטחון און גלויבן. נישט דער שטילער אומענדלעכער גאַנג צום טויט האָט אויפגעריסן די אויגן און דאָס הארץ פון דער וועלט אויף אונדזער פיין, נאָר דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און די אויפשטאַנדן אין אַנדערע געטאָס, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט אין טויט דעם גלויבן און אין אייגענעם פאָלק און דעם גלויבן אין מענטש.. די, וועלכע ווייסן נאָר צו באַוויינען אונדזער בראָך, זעענדיק אין אים דעם סוף פון אַלע סופן, אָדער דערהויבן אים צו עפּעס א מיסטעריעזער מיסיע פון אונדזער פאָלק אויסצוגיין אין פיין, די וואָס ווילן מיט דער הילף פון דעם אומגליק איינפלאַנצן אין אונדז דאָס געפיל פון עלנט און איינזאַמקייט, אָדער דאָס געפיל פון גורלדיקייט און אויסוועגלאָזן פאַטאַליזם — די אלע זיינען בלויז ממשיך, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, די יעניקע ריכטונגען אין אונדזער ליטעראַטור, וועלכע האָבן שוין לאַנג געטראָפן אין געטאָ אריין. אָבער פונקט ווי דעמלט, קומט די דאָזיקע איינשטעלונג אויך איצט פון אָפּגעריסנקייט פון פאָלק, פון גרינגשעצן זיינע העלדישע קאַמפן צוזאַמען מיט אַלע פאַרגעשריטענע פעלקער פאַר א ליכטיקערער צייט.

כמעט אין יעדער ליטעראַטור זיינען געווען פּעריאָדן, ווען א ווערק, אָדער גאָר א העלד פון א ווערק, האָט אָנגעצינדן גרויסע טיילן פון פאָלק. געווען העלדן, וועגן וועלכע די יוגנט האָט געחלומט און גערעדט, באַמיט זיך נאָכצומאַכן זייער שפּראַך, זייערע באַוועגונגען, אָננעמען זייער אויסערלעכקייט און אפילו לעבן מיט זייער לעבן ביז זעלבסטפאַרגעסונג, ביז זעלבסטמאָרד.

קלאָר, אַז דאָ האָט דער סיפור חמעשה = געשפּילט בלויז א שיינבאַרע ראָל. די הויפּט=סיבה פון אזא היפּנאָטיזירנדיקער באַווירקונג זיינען געווען באַשטימטע סאָציאַלע מאָמענטן, וועלכע

דאָס ווערק האָט געבראַכט צום אויסדרוק, אָדער דער העלד האָט מיט זיך פאַרקערפּערט.

צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות האָט די יידישע ליטעראַטור נישט פאַרמאָגט אַזעלכע העלדן — אידעאַלן פון זייער צייט. אָבער די יידישע ליטעראַטור האָט יאָ פאַרמאָגט אַזעלכע ווערק, וועלכע האָבן געוועקט די ליידנשאַפטן ביי יונג און אַלט און אָפטמאָל אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער יידישער געזעלשאַפט. און ווידעראַמאָל זיינען די דאָזיקע ווערק צו פאַרצייכענען אויסשליסלעך אין דער ליטעראַטור פון דער פריער און שפּעטער השכלה און ביי אונדזערע קלאַסיקער.

אין שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט די יידישע ליטעראַטור אַרויסגעגעבן ווערק, וועלכע זיינען קינסטלעריש אפשר געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה, אָבער צו צעוויגן מאַסן, ווערן דער קעגנשטאַנד פון טיפן האַס, פון איין זייט, און פון ליבע און פאַרערונג פון דער צווייטער, זיינען זיי נישט געווען אימשטאַנד.

דאָס איז נישט קיין צופעליקייט. די יידישע ליטעראַטור פון גאָר די קלאַסיקער און זייערע דירעקטע נאָכפאָלגער איז מערסטנטייל אַוועק אויפן וועג פון פּסיכאָלאָגישן אינדיווידואַליזם, פון נייטראַלן נאַטוראַליזם, האָט זיך פאַרשפּילט מיט פאָרמאַליסטישע פיערווערק, מיט אַבסטראַקטער בילדלעכקייט, אָבער זיך נישט צוגעהערט צום לעבן פון נאַציאָנאַל-און סאָציאַל-באַעוולהטן יידישן פאָלקס-מענטש, נישט גענומען קיין שטעלונג צו דעם דאָזיקן לעבן.

ווי האָט אַזאַ ליטעראַטור געקענט אָנצינדן מאַסן, ווערן זייער אידעאַל און וועג-ווייזער?

איך וויל חלילה, נישט פאַרמינערן די באַדייטונג פון דעם גרויסן קינסטלערישן וווּקס פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער צווישנצייט פוןביידע וועלט-מלחמות און אוודאי נישט די באַדייטונג און ווערט פון אונדזערע שרייבער-קדושים. איך מיין אָבער, אַז דער שענסטער אופן פון באַערן זייער הייליקן אָנדענק איז דווקא דער ביז ווייטיק קלאָרער חשבון-הנפש אין שייכות מיט דער פאַרגאַנגענהייט, כדי נישט איבערצוחזרן די זעלבע פעלערן.

די לעצטע גרויל־יאָרן זיינען נאָך דער ערשטער פאַרטויבונג געבליבן הענגען איבער אונדזערע אַלעמענס הערצער ווי א פּראָס־טיקע שאַרף פון אַ חלף. מיר גייען נאָך אַלץ אַרום מיט צע־פלאַטערטן ואומרו פון ווייטיק און קלעמענדיקער בענקשאַפט און טוליען זיך פון עלנט ווי קינדער צו דעם בלוטיקן געדעכע־ניש פון אונדזער פאַרשניטענער וואָר. איין טעמע האָט באַהערשט די יידישע שרייבער פון נאָך דער וועלט, איין טעמע, אָבער נישט איין אופן פון באַהאַנדלען די טעמע.

און דאָ קומען מיר צו אַן עיקרדיקן מאָמענט.

זיין פאַרבונדן מיטן פאָלק, הייסט נאָך לגמרי נישט סתם דערציילן וועגן זיינע ליידן, אָדער באַוויינען זיין גורל, צי גאָר סובלימירן זיין פיין ביז אַ הייליקן זעלבסטצוועק.

דאָס ערשטע פירט צו נאַטוראַליזם און פּרוכטלאָזן פּסיכאָ־לאָגיזם, און אין קאָנסעקווענץ צו אויסוועגלאָזיקייט און יאוש. און דאָס צווייטע, כאָטש אין פלוג קאָן זיך אויסדוכטן, אַז עס שטרעבט צו דערהויבונג און פאַרשענערונג, צו דעם דערגרונטע־וועך זיך צו אַ פילאָזאָפישער אָדער טעאָזאָפישער קאָנצעפּציע פון אונדזער געשיכטלעכן גורל, אָבער אין תוך פירט עס צו דעם זעלבן, צו מוטלאָזיקייט און שלום־מאַכן מיטן גורל. ביידע פירן אַזוי אַרום צו אַ ריס מיטן לעבן, וואָס זייענדיק אפשר פאַרשטויסן אין אַ תהום פון פינצטערניש, הערט זיך עס אַלץ נישט אויף צו רייסן — דורך בטחון און גלויבן, דורך פאַרברידערונג און מרידה — אַרויף־צו, צו פרייהייט און ליכט.

פאַרבונדן זיין מיטן פאָלק הייסט: אין זיין פיין און ליידן, אין זיין אומגליק און בראָך דערזען אויך די סיבה און דערזען אויך דעם אויסוועג. הייסט — אַרויסהייבן קינסטלעריש די דאָ־זיקע פיין נישט אַבסטראַקט, נישט אָפּגעריסן פון די וואָרצלען פון וועלכע זי וואַקסט אַרויס, און נישט בלינד. אָן דער פּערספּעקטיוו פון איר סוף און אַן העם וועג, וועלכער פירט צו דעם דאָזיקן סוף. ווייל אויך דאָס פאָלק, פאַרכליניענדיק זיך מיט אַט דער פיין און אָפּגייענדיק מיט בלוט, קעמפט קעגן דעם, וואָס איז די סיבה פון זיין צער און פאַר דעם, וואָס ווייזט אים דעם ליכטיקן אויסוועג.

אזוי און גישט אַנדערש האָבן רעאַליזירט אין וואָרט זייער פאַרבונדנקייט מיטן פאָלק די אָנהייבער פון דער יידישער ליטעראטור אין באַגין און אין משך פון ניינצטן יאָרהונדערט. אזוי האָבן זי רעאליזירט קינסטלעריש די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראטור.

דער צוריקקער צו דער יידישער קלאַסיק איז דעריבער אַ וועזנטלעכע, צענטראלע פראָבלעם אין דער יידישער ליטעראטור פון נאָך דעם חורבן. דער דאָזיקער צוריקקער באַדייט דעם צוריקקער צום יידישן פאָלק אין טיפערן זין פון וואָרט, און במילא אויך דעם צוריקקער צום לאַגער פון זיינע פריינט, צום לאַגער פון פראָגרעס און פאָרשריט, פון סאָציאַלן יושר און מענטשלעכע רעכט.

דאָס וועזנטלעכע פּראָבלעם אין אונדזער ליטעראַטור

יעדע ליטעראַטור האָט זיך איר באַשטימטע ספּעציפישע טעמאַטיק, יעדע ליטעראַטור האָט זיך אפילו אין באַשטימטע צייטן אירע ספּעציפישע אויסערלעכע פאָרמען און אויסדרוקמיטלען, אָבער דער וועזנטלעכער אָביעקט פון אַלע ליטעראַטורן איז אין אַלגעמיין גענומען שטענדיק און אומעטום איינער און דער זעלבער — דאָס איז דער מענטש.

דער גאַנג פון מענטש דורך דער וויסנשאַפט, דורך דער קונסט, דורך דער פּראַקטיק איז אַ גאַנג אַ זיגזאַגישער דורך שטערונגען און פאַרנעפּלונגען, און אָפּטמאָל אַפילו דורך ווייטע און גרויליקע צוריקגאַנגען, אָבער אין זיין אַלגעמיינער טענדענץ און ריכטונג איז ער דאָך אַ כסדרדיקער גאַנג פאָרויס.

די מעשהלעך און לעגענדעס ביי אַלע פעלקער וועגן איידעלע פּרינצן און פאָלקס-גיבורים, וועלכע האָבן אין זייער גאַנג צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייער חלום וועגן שלמותדיקער שיינקייט, צו דער פאַרכישופטער בת־מלכה, געהאַט בייצוקומען פאַרשידענע נאַטור - שטערונגען און אויסצושטיין געפערלעכע מלחמות מיט עקדישן און שלאַנגען, מיט שדים און רוחות, מיט רוצחים און מענטשן-פרעסער, נאָר וועלכע האָבן סוף כל סוף געזיגט — די דאָזיקע מעשהלעך און לעגענדעס האָבן אַ טיפן סימבאָלישן זין.

ניט די קנעכטשאַפט פון אַלטערטום איז דער קענצייכן פון דעם דאָזיקן גאַנג פון מענטש צו דער צוקונפט, נאָר די געדאַנק-

לעבע און קינסטלערישע אויפשוווּנגען פון העלענישן גייסט און די מאָראַלישע הויכקייטן פון דער יידישער נבואה; נישט די פינצטערניש פון מיטלאַלטער, נאָר דאָס ליכט, וואָס האָט אַ שטראָם געטאָן פון דער מענטשלעכער נשמה אין דער צייט פון רענעסאַנס; נישט די פאַרשווענדערישע אויסגעלאַסנקייט פון די מאָנאַרכישע הייף אויף דער שוועל פון דער נייער צייט, נאָר די פרייהייט-אויפברויזן פון פעלקער אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; און נישט די גרויליקע חשכות פון היטלעריזם, נאָר די ליכטיקע מענטשן-ליבע און העלדישע מסירת-נפש פון סאָוויעטישן פאָלק.

ביים אַריינגאַנג אין דער הייל פון דער פאַרכישופטער בת-מלכה, — דערציילט זיך אין די דאָזיקע לעגענדעס, — זאַמלען צונויף די בייזע און שוואַרצע כוחות אַלע זייערע פינצטערע חיילות. דאָ האָט דער העלד אויסצושטיין דעם סאַמע שווערסטן קאַמף. אָבער דאָס איז שוין דער לעצטער קאַמף. באַלד גייט אויף פאַר אים דאָס לויטערע ליכט פון דער אמתער שיינקייט און גוטסקייט.

דאָס וואָס אומעטום האָט דאָס פאָלק באַנומען אַזוי פשוט און טיף און אויף אַזאַ פשוטן און בילדלעכן אופן געבראַכט צום אויסדרוק, פאַרשטייען נישט אָפט די געלערנטע און קינסטלער, וועלכע רעמען איין די גאַנצע וועלט אין די פיר ווענט פון זייער קאַבינעט.

נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע אין דער מענטשלעכער געשיכטע קומען אויף מרה-שחורהניקעס, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, און פאַרפלייצן די וועלט מיט שוואַרצזאָגעריי וועגן דעם פרינציפּ פון שלעכטס, וואָס הערשט איבער דער וועלט און וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צום סוף פון דער מענטשהייט.

גייסטיק באַהערשט און געפּעגטעט דורך אַ וועלט-אָנשויונג פון אַ קלאַס, וואָס איז דורך זיין עצם אויפקום געוואָרן פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, וואָס האָט מיט יעדן וווּקס זיינעם טויזנט-פאַביק פאַרשטאַרקט די קראַפט, וועלכע דאַרף אים פאַרשלינגען, וואָס טראָגט אין זיך דעם אייגענעם אומקום, ווי אַ נויטווענדיקן עלעמענט פון זיין עקזיסטענץ; — זיינען זיי נישט אימשטאַנד צו דערזען די ליכטיקע קערנער, וועלכע רייסן אויף יערע פינצטערניש, ווי די גרינע פלאַנצן דעם שוואַרצן צודעק פון דער ערד.

דאָס געפיל פון אייגענעם אומטערנאַנג טראָגן זיי איבער אויף אַלץ אַרום, ווי מענטשן באַטרונקענע, וואָס מיינען, אַז אַלץ אַרום זיי דרייט זיך, ווען עס דרייט זיך בלויז זייער אייגענער מוח.

פון דער ערשטער מינוט פון זיין קומען אויף דער ערד האָט דער מענטש געשטרעבט צו אינערלעכער באַפרייונג. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון שטערן, צו באַנעמען די כוחות פון דער נאַטור, אויסטייטשן די פאַרהעלטעניש צווישן זיך און אנדערע און אויפפלאָנטערן די פסיכישע צושטאַנדן פון זיין אייגן געמיט. פאַרשטיין און באַנעמען הייסט אויסטון פון זיך די געפלען פון אומוויסן און די אומקלאָרקייטן פון בליגדן געפיל, הייסט באַפרייען אַלץ מער און מער דעם אייגענעם איך פון די טונקלקייטן, וועלכע צוימען ווי קייטן זיינע טריט פאָרויס. די דאָזיקע שטרעבונג צו אינערלעכער באַפרייונג איז דער אמתער און אייגציקער אינהאַלט פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אָבער אין אַלע צייטן האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אומוויסן און בליגדן געפיל פון זייערע נאָענטע. דורכן פאַרטונקלען דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין האָבן זיי געוואָלט פאַרשטעלן זייערע שיינע מעשים אין דער קעגנוואַרט און זייערע נאָך שענערע פּלענער אויף דער צוקונפט. די דאָזיקע מענטשן האָבן עס געפּרעדיקט מלכות=שמים, כדי די ערד צוצונעמען פאַר זיך, און איינגערעדט די מענטשן, אַז זיי זיינען שלעכט, בכדי זיי צו וואַרפן איינער אויף דעם צווייטן און איגמיטן פון בלוטיקן געראַנגל באַהערשן אַלע צוזאַמען. די דאָזיקע מענטשן זיינען עס אויך די אָפיציעלע ריטער פון פּעסימיזם און יאוש אין באַצוג צו דער מענטשלעכער געשיכטע, כדי צו אַנטוואָפענען דעם מענטשלעכן גייסט און שמידן אים מיט דעם גלייכגילט פון גורלדיקייט, און אַזוי אַרום קענען קערעווען מיט אים אין דער ריכטונג ,וועלכע לוינט פאַר זייערע אינטערעסן.

אין אירע אָנהויבן האָט די יידישע ליטעראַטור, ווי אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען פון פאָלק, באַקעמפט דירעקט און אומדירעקט די דאָזיקע אַלע פינצטערע לערעס וועגן מענטש אין זייער ספּעציפישן יידישן נוסח. די השכלה האָט דערזען די גרויסע ווײטאַלע און מאָראַלישע קראַפט פון יידישן פאָלקס = מענטש און נאָאיוו געגלויבט אין גוטן ווילן פון דער דרויסנדיקער

וועלט אָן שום איבערלעבער דיפערענצירונג. די יידישע קלאַסיק האָט די דאָזיקע מאָראַלישע קראַפט פון פאָלקס־מענטש קאָנקרעט אַרויסגעבראַכט סיי אין רעאַלע געשטאַלטן, סיי אין קינסטלעריש־אויפגעבויטע געדאַנקלעכע קאָנצעפּציעס, איינזעענדיק שוין בפירוש דעם מקור פון גוטס און שלעכטס, סיי אין יידישן לעבן סיי אין דער דרויסנדיקער וועלט.

די יידישע ליטעראַטור אין איר אָנהויב האָט גלענצנד דערפילט איר ראָל. זי האָט נישט נאָר געוועקט און אָנגערעגט דאָס פאָלק אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלע פרעמדע הויטן, נאָר זי האָט עס אויך אַנטפּלעקט אַזאַ ווי עס איז, מיט זיין ערלעכן געפיל און טיפע איבערלעבונגען, מיט זיין דערהויבענעם חלום אויף דער צוקונפט און אויפריכטיקן גלויבן אין מענטש.

די תמימותדיקע און ערלעכע געשטאַלט פון „פישקע דעם קרומען", די רייזע פון בנימין און סענדערל אין דער וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, דער גרינעצלאָזער בטחון און טיפע מענטשן־ליבע פון טוביהן, די דערהויבנקייט און מסירות־נפשדיקייט פון די פּרץ־געשטאַלטן, ווי אויך די אידעלע שטרעבונגען און איבערגעגעבנקייט צום פאָלק פון די משכילישע פאָרגייער און אייניקע נאָכגייער — דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען נישט בלויז דער ערשטער פייערלעכער אָנשלוס פון דער יידישער ליטעראַטור אין די שענסטע און בעסטע טראַדיציעס פון דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר אויך איר סאָלידער צושטייער.

אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן ערגער. די ווירקונגען פון דער בירגערלעכער פעסימיסטישער וועלטאָנשויונג זיינען געגאַנגען אָדער דירעקט פון לעבן, אָדער אומדירעקט דורך פאַרשידענע ליטעראַרישע שולן, און אין פאַרשידענע פאָרמען אָנגעהויבן באַהערשן די יידישע ליטעראַטור.

ווער ס'איז אוועק צו זיך, ווער אין זיך און ווער גאָר צו רביישע טישן — דער יידישער פאָלקס־מענטש, דער יידישער אַרבעטער איז געבליבן הינטער דער טיר. און ווען מען האָט שוין אַמאָל אַזאַ איינעם יאָ אַריינגעלאָזט אין „היכל", האָט מען אים אָדער אַזוי פאַרשלייערט, אַז ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט, אָדער מען האָט מיט שטוינענדער אַנטציקונג זיך געהאַלטן אין איין קוויקן מיט זיינע יוכטענע שטיוול און פּראָסטן

פאָלקס = דיבור, אַז דער מענטש אַליין איז פאַרלוירן געגאַנגען. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך באַזעצט דער יוסטער באַלעבאָס, דער חסיד און טיילווייז דער אינטעליגענט מיט זייער באַלעבאַטישן קוק אויף דער וועלט, מיט זייער חסידישן לעבנס־שטייגער און אייביקע אינטעליגענטישע נשמה = גריבלערייען.

מיטן אויסנאַם פון דער סאָוויעטיש = יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט ווייטער אַנטוויקלט די פראָגרעסיווע און רעאַליסטישע טראַדיציעס פון דער יידישער קלאַסיק, און אייניקע לינקע שרייבער = גרופן אויסער דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד, איז שוין פאַר דער לעצטער וועלט = מלחמה דער דאָזיקער צושטאַנד געווען כמעט אַן אַלגעמיינער און איז דערגאַנגען ביז קעגנזייטיקער נאָכאַמונג און מאַניערירטקייט.

די דעקאַדענץ מיט איר אומגלויבן אין מענטש, מיט איר ביטול = באַציונג און פאַראַכטונג צום המון, מיט איר ספעציעלער נייגונג צו אַ טעמאַטיק פון מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט און אָפּפאַל פון איין זייט, און פון אומהיימלעכע, אויסטערלישע און מיסטישע אינהאַלטן פון דער צווייטער, האָט אַלץ טיפער און טיפער אָנגעהויבן צו צעפרעסן די געזונטע רעאַליסטישע טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דער יידישער דיכטונג איז אונטער פאַרשידענע פאָרמען אויפגעקומען דער נשמהלאָזער פאָרמאַליסטישער עסטעטיזם, אין דער פראָזע — דער נאַטוראַליזם מיט זיין איבערגעלאָדנקייט פון פרטים, מיט זיין ספעציעל גריבלען זיך אין די סאַמע אומווירדיקסטע און קרענקלעכע דערשיינונגען פון לעבן, אָדער דער פסיכאָלאָגיזם ווי אַ וואַריאַנט פון דעם מין נאַטוראַליזם.

דאָס אַלץ האָט באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק, דעזאָריענטירט דעם לייענער, אָנגעפילט זיין נשמה מיט גלייכגילט און יאוש און דערצויגן אין אים אַ ציניש פאַראַכטנדיקע באַציונג צו די טיפסטע מענטשלעכע איבערלעבונגען און צו די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן.

די גרויליקע איבערלעבונגען פון יידישן פאָלק אין דער לעצטער מלחמה פאַרשפאָרן איצט דעם יידישן בירגערלעכן שרייבער, וואָס שטייט צו דינסט די באַזיצנדיקע קלאַסן, צו שפילן זיך אין באַהעלטענישן מיטן לייענער אונטער פאַרשידענע פאָר=

מאַליסטישע שלייערס. דאָס צעוווייטיקטע געמיט פון יידישן מענטשן, וועלכער קען נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פון די אייגענע בלוטיקע אבידות און פון די גרויל-מעשים פון די היטלעריסטישע אויסוואורפן און זייערע מיטהעלפער צווישן אַנדערע פעלקער, איז זייער נאָכגיביק יעדן פעסימיטישן און יאושדיקן ווערט - באַנעם און יעדער טאָטאַלער באַשולדיקונג פון דער גאַנצער וועלט אין זיין אומגליק. די יידישע רעאקציע האָט איצט „גוטע באַדינגונגען" פאַר פרעדיקן איר לערע וועגן דער באַזונדערקייט פון יידישן פאָלק, וועגן דער אייביקער שנאה צו אים מצד אַלע פעלקער, וועגן דער פאַלשקייט און פאַרפירערישקייט פון אלע שיינע מענטשלעכע אידעאַלן, און זי טוט עס טאַקע אָפענער און אַקטיווער ווי ווען עס איז. די ליטעראַרישע קעסט - קינדער פון דער רעאקציע העלפן איר אין דעם צו מיט דער גרעסטער אייפעריקייט. פאַרשטענדלעך, אז די ראָלן זייערע זיינען דערביי אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן איינגעטיילט. איינער רופט צוריק אין בית-המדרש אריין, א צווייטער וואַרפט פעך און שוועבל אויף אַלע „גויים", א דריטער ווייזט אויף די נישטיקייט פון אלע חלומות וועגן א יושרדיקער און געדעכטער וועלט, נאָר די גרונט-מעלאָדיע, וועלכע בינדט די אלע ניגונים אין איין ציל - באַוווסטער מוזיק, איז איינע און די זעלבע. דאָס איז די מעלאָדיע פון הבל-הבלים, פון יאוש און אויסוועגלאָזיקייט — דער פעסימיזם פון אן אונטערגייענדיקער וועלט.

דער דאָזיקער פעסימיזם איז געוואָרן דאָס שליסל-פראָבלעם אין דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור. פון די נעסטן, ווו ער ווערט ספּעציעל געהאָדעוועט אַלס גיפטיקער מיקראָב, כדי צו פאַרסמען די הערצער און מוחות מיט שנאה און פאראכטונג צו אלע נישט-יידן און מיט מוטלאָזיקייט און אומגלויבן אין די אייגענע כוחות, טראָגט ער זיך איבער אונטערן צודעק פון באַשטימטע ליטעראַרישע פאָרמען אויף טרוקענע שטחים מיט א ריינערער לופט און שטעקט אָן א סך פון די, וועלכע האָבן סוביעקטיוו דעם גוטן ווילן צו דינען באמת און אויפריכטיק דעם פאָלק.

פאַרשטענדלעך, אז די יידישע קינסטלערישע ליטעראַטור וואָלט נישט ווערט געווען איר נאָמען, ווען עס זאָל אין איר נישט

קומען צום אויסדרוק די גרויסע פיין פון פאָלק אין משך פון די לעצטע יאָרן. נאָך מער, דאָס בעסטע, וואָס איז ביז איצט געשריבן געוואָרן אויף דעם געביט, איז דערווייל נישט מער ווי אַ טראָפּן אין דעם ים פון ליידן און צער, און מיר זענען אַלע אין אַ ציטערדיקער דערוואַרטונג אויף דעם גאון, וועלכער וועט מיט זיין קינסטלעריש וואָרט אָפּשפּיגלען דעם אומגעהויערן גרויל. וועלכער ערנסטער יידישער שרייבער וועט עס קענען גע־פינען רו ביזוואַנען דאָס וועט נישט געשען? און וועלכער ערנסטער יידישער שרייבער טראָגט איצט נישט אויס אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט און איינזאַמע פאַרטאָגן די קאָשמאַר־פולע גרוילן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, אָנשטרענגענדיק זיך צו געבן זיי כאָטש דעם מינדעסטן קינסטלערישן תיקון?

אָבער דאָס ווייטיקלעכע זוכן פון דעם קינסטלערישן תיקון, וואָס באַטייט אַן אמתדיקע און אַלזייטיקע געשטאַלטיקונג פון די טראַגישע יאָרן, לאָזט זיך בשום אופן נישט לעזן דורך יאוש און פאַרצווייפלונג, דורך אומגלויבן אין זיך און שנאה צו אַנדערע. פאַרקערט, ער דאַרף אויפלויכטן פון אונדזער ווייטיק ווי אַ פאַקעל, וואָס אין זיין שיין טיילט זיך אויס דאָס גוטע פון שלעכטן, דאָס שיינע פון מיאוסן און דאָס אַלטע און פאַרפוילטע פון נייעם און געזונטן.

צי קענען מיר דען שילדערן די פיין פון אונדזער פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער, נישט באַמערקנדיק דערביי אויך זייער פיין, אויב אַפילו אין אַ קלענערן פאַרנעם, אָבער וועלכע איז געקומען און קומט פון די זעלבע סיבות? צי קענען מיר לאָזן אומבאַגרענעצט הערשן איבער אונדז דאָס טרויעריקע געפיל פון פולשטענדיקן עלנט און איינזאַמקייט, פון אַבסאָלוטער אָפּגעזונדערטקייט פון אַלע אַנדערע מענטשן, נישט פאַרנייענדיק דערמיט גופא די שענסטע אידעאַלן וועגן אַ ליכטיקער צוקונפט, וועלכע קענען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך פאַרברידערונג און פריינטשאַפט פון אַלע באַעוולהטע און פאַרפאָלגטע? און צי הייסט דען נישט די פאַרניינונג פון די דאָזיקע אידעאַלן די פאַרניינונג פון אונדזער ווייטערדיקער עקזיסטענץ?

דער אָפּטימיסטישער וועלט־באַנעם, וועלכער באַדייט גלויבן אין זיך און גלויבן אין אַנדערע, מאָראַלישע שטאַנד־

האַפּטיקייט און דערהויבונג פון מענטש, און וועלכער קומט צום אויסדרוק דורך לייטערונג פון געפיל און קלאָרקייט פון געדאַנק, דורך פאַרשטענדלעכן, פּשוטן און דורכגעלעבטן וואָרט אין קאָנקרעטן אוממיטלבאַרן און לעבעדיקן בילד — ער איז נישט אין דער קונסט בלויז אַן עלעמענט פון אוטיליטאַרישקייט און צוועקמעסיקייט. ער איז דער זין און די וועזנטלעכע פאַראַלגעמיינערונג פון דער ווירקלעכקייט, ער איז דער אמת פון לעבן, אָן וועלכן ס'איז נישט דענקבאַר קיין שום קונסט.

די געפאַר פון איינזייטיקן און באַגרענעצטן פאַרקוקן זיך בלויז אויף זיך, פון אומאויפהערלעכן אַרומטראָגן זיך בלויז מיט די אייגענע ווייטיקן, נישט זעענדיק דערביי און נישט וועלנדיק זען נישט זייער כסדרדיקע ווירקנדיקע סיבות און נישט זייערע וועגן פון היילונג — די דאָזיקע געפאַר לויערט איצט אויף אונדזער ליטעראַטור מער ווי ווען עס איז. אירע בולטע רעזולטאַטן קען מען זען דאָרט, ווו זי נעמט אָן מער קאָנקרעטע פאָרמען, און עס אַנטשטייט אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַבסטראַקט און געקינסטלט סיי אין פאָרם, סיי אין אינהאַלט, אַ ליטעראַטור, וואָס איז אָפּגעריסן פון פאָלק און באַוועגט זיך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אַזאַ ליטעראַטור פעלשט די ווירקלעכקייט אויף וויפל זי באַמיט זיך דאָס געפיל פון אונטערגאַנג, פון עצבות און מרה-שחורה פון דעם באַזיצנדיקן קלאַס, אויסצושפּרייטן אויף אַ קינסטלעכן אופן אויף דעם גאַנצן פאָלק.

דאָס פאָלק, פאַרשטייט זיך, לעבט נישט לויט די דינים און דעם געמיטס-צושטאַנד פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. עס גייט זיך זיין וועג: אין ענגער פאַרברידערונג מיט צענדליקער אַנדערע פעלקער בויט עס העלדיש די וועלט פון יושר און גערעכטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, מיט אויסערגעוויינלעכער מסירת-נפש און גלויבן קעמפט עס פאַר אומאָפּהענגיקייט אין ישראל, מיט פרייַדיקער התלהבות האַנט ביי האַנט מיט די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינט, גייט עס אויף דעם וועג פון פולשטענדיקער סאָציאַלער באַפרייונג אין די פאָלקס-דעמאָקראַטישע מלוכות און צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע אויף דער גאַנצער וועלט ראַנגלט זיך עס פאַר אַ שענער און בעסער לעבן, גלויבנדיק אין מענטש און גלויבנדיק אין זיג.

אזוי איז אין דער ווירקלעכקייט.

אָבער אין דער ליטעראַטור וואַנדערן נאָך אַלץ אַרום, ווי שאָטנס, פאָרמען און אינהאַלטן פון אַ וועלט, וואָס טראָגט אין זיך דעם סם פון אינערלעכער צעפוילטקייט, פון אַ וועלט וואָס איז מחמת איר אייגענעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פול מיט שנאה און פאַרביטערונג, מיט יאוש און ציניזם און וואָס באַמיט זיך אַנצושטעקן דערמיט אַלץ אַרום.

פעסימיזם איז געוואָרן דער אַלגעמיינער אויסדרוק פון דער דאָזיקער וועלט, וואָס גייט אונטער. אין צענדליקער פאַר־שידענע געשטאַלטן באַמיט ער זיך אַריינצודרינגען אין יעדן קינסטלערישן שאַפן, ווי אין אַ ספּעציפישן געביט פון מענטש־לעכער טעטיקייט, אויף וועלכן עס גייט באַזונדערס אַ דער קאַמף פאַר דער נשמה פון מענטש. ער הויבט אָן פון דעם אומ־שולדיק־נאַאיוון סתם באַוויינען דעם אייגענעם גורל, פון נישט מאַכנדיק זעענדיק זיך מחמת ווייטיק קיין שום זאַך, אויסער דעם ווייטיק גופא, און ענדיקט מיט קרענקלעכער זעלבסט־גאווה, שנאה און האס צו אַנדערע. דאָס אַלץ כדי אָפּצוטעמפּן ביי דעם פשוטן מענטשן דאָס הארץ און דעם מוח ער זאָל נישט דערפילן און באַנעמען די פיזישע און גייסטיקע קייטן, וועלכע ער טוט אָן אָפּט אויף זיינע אייגענע פיס אָן שום ווידערשטאַנד און אפילו ווי אייגנווילינג.

די יידישע ליטעראַטור, ווי אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק, וואָס לעבט צווישן אַנדערע פעלקער און איז מיט זיי ענג פאַר־בונדן, קען נישט און טאָר נישט אזא וועלט־באַנעם אויפנעמען און ברענגען צום אויסדרוק. זי דאַרף געפונען דעם אדעקוואַטן אויסדרוק פאַר דעם גרעסטן ווייטיק, וועלכן ס'האָט ווען עס איז דורכגעלעבט אַ פאָלק, און דעם דאָזיקן ווייטיק קאָן מען גראָד געבן פון יענע הויכן, פון וועלכע עס זעען זיך קלאָר אַלע אָנהייבן און סופן און אַלע סיבות און פועל־יוצאים, אָבער נישט פון דער נידער, ווו אַלץ און אַלע זענען געשלאָגן מיט דער בלינדקייט פון פינצטערער שנאה און אויסוועגלאָזיקייט.

דאָס איז דאָס וועזנטלעכע פּראָבלעם איצט ספּעציעל אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן פּראָבלעם, ווי אין אַ ברען־גלאָז, קומען זיך צונויף אַלע אַנדערע, דורך אים גייען

זיי אויף אין זייערע פאַרשידענע ליטעראַרישע טראַכטן, כּדי צו באַהערשן דעם באַוווסטזיין פון פאָלק.

דער יידישער שרייבער, וועלכער גייט מיט מיט דער נייערווירקלעכקייט, וועלכער האָט זיין לעבן פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון פעלקער, וואָס וואַכן אויף צו גרויסע און זעלבשטענדיקע מעשים, וועט וויסן ווי אַזוי דורך דער דאָזיקער ווירקלעכקייט אַרויסצוהייבן אויך דאָס ליכטיקע און העלדישע פון דער פינצטערסטער צייט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק.

קידוש השם און קידוש היסורים

אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו פון צייט ווערן געוויינלעך פאַרענטפערט די סתירות צווישן דער אבסטראַקטער אומפאַרענדערלעכער פאַרשטעלונג וועגן גערעכטיקייט און דער קאָנקרעטער פאַרקערפּערונג אירער אין יעדן געגעבענעם איינצלנעם פאַל. אָבער אויף דעם שטח פון אַ קורצן צייט־אָפּשניט טרעטן אויף די דראַמאַטישע מאָמענטן זייער אָפּט קאָנטראַסטירט און קעגנזײַטיק און בילדן צווישן זיך אַ טיפן טונקעלן תהום, פון וועלכן עס גייען אויף שטימונגען פון אומרו און מרידה אין האַרץ פון יחיד.

אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיר אַ סך בײַשפּילן, ווו די דראַמאַטישע שטימונגען זײַנען געווען די עיקרדיקע, אָדער אַפילו אויסשליסלעכע טעמע פון דיכטער און שרײַבער. ספּעציעל איז דאָס צו באַמערקן אין דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור, ווו דער שרײַבער האָט די דראַמאַטישע טעמע באַזונדערס אינטים פאַראייגנט און עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקט, אין דער צייט ווען אין דער קלאַסישער און פּסיידאָ־קלאַסישער ליטעראַטור ווערט די זעלבע טעמע אַרויסגעהויבן בלויז, ווי אַן אָביעקט פון געדאַנקלעכע באַטראַכטונגען, ווען אַפילו פאַרקליידט אין דעם פאַר יענער צייט אַנטשפּרעכנדיקן ליטעראַרישן לבוש.

אין דער יידישער ליטעראַטור ווערט די דראַמאַטישע טעמע אַרויסגעהויבן זייער בולט אין דער דיכטונג פון ה. לייוויק. ווי אַ רויטער שנור גייט זי דורך זײַן גאַנצע שאַפונג, סיי אין קלאַסישן סטיל אין דער פאָרם פון געדאַנקלעכע באַטראַכטונגען וועגן דעם געראַנגל צווישן מידת־הדין און מידת־הרחמים, סיי אין

דעם ראָמאַנטישן נוסח, ווי און אייביקער גאולה = מאָטיוו, ווי א טיף אינערלעכע בענקשאפט נאָך מענטשלעכער אויסלייזונג.

דאָס אַוועקשטעלן דורך דער מערהייט שרייבער אויף אָט דער טעמע דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, ווי אַ קאַמף פון יחידים קעגן אייביקע אומפאַרענדערלעכע פּרינציפּן איז, פאַרשטענדלעך, מחייב צו געוויסע בשותּפותדיקע מאָמענטן. אין דער ערשטער ריי איז דאָס דער מאָמענט פון נעגירן די גוטווענדיקע אימאַנענטע אַנטוויקלונג פון פיזישע און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען און דאָס אַרויסרוקן אויפן ערשטן אָרט דאָס גורלדיקע און אומפאַרמיידלעכע.

אויך אין לייוויקס שאַפן איז די דאָזיקע איינשטעלונג דאָמינירנדיק, אָבער גלייכצייטיק טיילט אים אויס אַ געוויסער אייגנאַרטיקער אָפּטימיזם.

די גרונטיקע סתירה, וועלכע די שרייבער פון דעם שניט זעען איין אין לעבן, פאַרוואַנדלט זיך סוף=כל=סוף אין אַן אייגנהייטלעכער פּעסימיסטישער וועלט=אָנשויונג וועגן מענטשלעכער אָנמאַכט און אַמאָראַלישן סדר פון דער וועלט. זיי הערן אויף וויטער צו זוכן און באַרואיקן זיך אויף פאַרשידענע דיכטערישע וואַריאַנטן, וועלכע קאָנסטאַטירן אומאויפהערלעך דעם זעלבן פאַקט. לייוויק אָבער וויל זיך נישט באַרואיקן. ער איז דער אייביקער זוכער, ווי ער זאָל טראָגן אין זיין בלוט דעם כאַראַקטעריסטישן אָפּטימיזם און בטחון פון זיין פאָלק און זיין גלויבן אין זיג פון גערעכטיקייט. אפילו נאָך מאידאַנעק און נאָך טרעבלינקע גלויבט אַלץ לייוויק, אַז „דער מענטש וועט נאָך ליכטיק זיין, ווי גאָטס געדאַנק“ („סאָנעטן = רינג“), אַז די „וועלט צינדט זיך ווידער אָן צוויי און פּאַרטאָגיק“ און פילנדיק דעם „חורבן = בראָך אין אַלע גלידער“ רופט ער דאָך אויס:

אוי, זייער, דו מוזט קומען,
אוי, אַקערער, אוי בויער —
אָ, אַלע מוזט איר קומען
אין זכות פון אונזער טרויער.

(„ערשטער מאַי 1945“).

דער דאָזיקער טיפער גלויבן אין מענטש גייט אויף ביי לייוויקן אין צענדליקער ווונדערלעכע לידער. פון דער באַהערשטער

רו און שטילקייט, מיט וועלכע די דאָזיקע לידער צייכענען זיך אויס, פילט זיך אַרויס דער געהעמטער געשריי פון אַ פילנדיק האַרץ, און פון זייער לויטערער פשטות — שעפערישע אָנשטרענגונג און אינערלעכער קינסטלערישע דיסציפלין. אָבער דערהויבן זיך אינגאַנצן און באַזיניקן די סתירה צווישן דעם נויטווענדיקן און צופעליקן, צווישן דעם כלל און פרט, און דערמיט אויך דערהויבן און באַזיניקן די שטימונגען פון יחידישן אומרו און בונט איז לייוויקס דיכטונג נישט אימשטאַנד. דאָס קאָן רעאַליזירן בלויז אַזאַ דערקענטעניש, וועלכע זעט אַלע דערשיינונגען אין דער גייסטיקער, ווי אין דער גשמיותדיקער וועלט, נישט ווי קיין אייביקע קאַטעגאָריעס, נאָר ווי פּראָצעסן, וועלכע נעמט אויף דאָס לעבן אין אַלע זיינע אויסערונגען נישט אין שיינבאַרער סטאַטישקייט, נאָר אין באַוועגונג. אַזאַ דערקענטעניש איז אַ פּראָדוקט פון געוויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פון אַ געוויסער דערציִונג און פון א באַשטימטן וועלט=באַנעם.

לייוויקן איז די דאָזיקע דערקענטעניש דיכטעריש פרעמד. ער איז דעריבער נישט אימשטאַנד זיין גלויבן צו פאַרוואַנדלען אין איבערצייגונג און זיין אינטואיטיוון אָפּטימיזם אין דעם יסוד פון זיין דיכטערישער וועלט=אויפפאַסונג. זיין שאַפן איז פול מיט אינערלעכע סתירות און דערגרייכט אין זיין אומאויפהערלעכער בענקשאַפט נאָך דעם „זין פון גאַנצקייט“ און שטענדיקער „זוכעניש פון יאָרן“ דעם ענטפער אויף די אייביקע ליידן פון יחיד — צו א פאַרכישופטן קרייז.

די מענטשלעכע אויסלייזונג פון פיין ווערט ביי לייוויקן די פיין אַליין, דער ענטפער אויף די אַלע עקזיסטירנדיקע יסורים — די יסורים גופא:

מה טוב ומה נעים — ווי זיס איז
נאָך זיסער פון יום=טובשן עונג,
מקיים זיין אַלע פיר מיתות —
איין קידוש=השם איז מיר ווייניק.
(„מיין ברודער ישראל שטערן“)

דאָס פּראָבלעם פון אומקום לעזט זיך אויף אין אומקום אַליין:
„א טרייסט נאָר. אין מיטן פון כלומרשט תענוגים
נעמט ברענען אַ טרוקענער פלאַם אויף מיין גומען,

אזן כ'הער קלאָר אַ בת=קול פון קדושים הרוגים:
נישט זאָרג זיך, דיין רוי וועט נאָך קומען, נאָך קומען".
(„די רוי וועט קומען").

נאָך מער, לייוויק באַמיט זיך די דאָזיקע „לייזונג" צו דערהויבן שיר נישט צו אַ נאַציאָנאַלער אָנשווינג פון יידישן פאָלק.

„ווי שטאַרק איך האָב ליב די חשמונאים
האָב איך די עשרה הרוגי=מלכות נאָך ליבער:
פאַרגיט מיר אַלע, ווען אין גורל=שעהן
בין איך מקנא דעם קדוש מער ווי דעם גיבור.
אויך מיין טאַטע האָט זיי ליב געהאַט מערער,
און אויך מיין זיידע און עלטער=זיידע"...

(דאָרט)

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אויסטערלישער אויסוועג פאַרן יידישן פאָלק איז בלויז אַ רעזולטאַט פון צופעליקע דיכטערישע שטימונגען, עס איז אויך מעגלעך, אַז ער איז אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע באַווירקונגען. אָבער, אַזוי צי אַזוי, צווינגט ער אויף צו נעמען שטעלונג.

דער מאָמענט פון קידוש=השם אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז איינער פון די העכסטע אויסדרוקן פון גייסטיקער מענטשלעכער גבורה. די רעזיגנאַציע פון לעבן מצד אַ יחיד, די גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די גרעסטע ענויים און פיין, כדי נישט צו פעלשן אין כלל און אין זיינע אידעאַלן איז דער בעסטער באַווייז פון דער לעבנספעיקייט פון דעם דאָזיקן כלל, פון זיין מאָראַלישער פעסטקייט און פולווערטיקייט, פון זיין אומדערשיטערלעכן גלויבן אין ענדגילטיקן זיג. דער קידוש=השם ביי יידן איז קיינמאָל נישט געווען קיין קעגנזאַץ צו גבורה, נאָר גראָד פאַרקערט, איינער פון אירע אדעקוואַטע פאָרמען. דער עם קשי=עורף האָט אויף דער גאַנצער לענג פון זיין ליידנפולער געשיכטע שטענדיק צוריקגעוויזן מיט ווירדיע יעדע אַרט פון גייסטיקער הכנעה און זעלבסטפאַרלייקענונג, און אוודאי יעדע אַרט פון רעזיגנאַציע, און ביז די לעצטע כוחות געקעמפט פאַר זיין וועלט=אָנשויונג און נאַציאָנאַלן קיום. ביז גאָר בולט איז דער קידוש=השם אויפגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן ליכט בעת דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די גיבורים פון געטאָ האָבן אַזוי מוטיק גע=

קעמפט נישט בלויז אויס פאַרצווייפלונג און אוודאי נישט, כדי צו פאַרשטאַרקן די „זיסע“ פּיין פון אומקום און „מקיים זיין אַלע פיר מיתות“, זיי האָבן אַליין נישט איינמאָל אונטערגעשטראָכן דעם זין פון זייער קאַמף, ווי אַ קאַמף פאַר דעם כבוד און פאַר דער באַפרייונג פון יידישן פאָלק, ווי אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט. אויך דער טויט פון דיכטער ישראל שטערן האָט גע־האַט אין זיך די אַלע עלעמענטן פון מוטיקן און העלדישן פּראָ־טעסט.

און ווי זעט אויס איצט די העלדישע מסירת־נפש פון אונדזע־רע ברידער אין א״י, וועלכע קעמפן נישט פאַר דעם תענוג פון יסורים נאָר פאַר אַ פריי און ווירדיק לעבן.

צוליב וואָס זשע אַזאַ פּאָעטישע „סובלימאַציע“, וועלכע פאַר־וואַנדלט די ביישפּיללאָזע און אומדערשיטערלעכע גבורה פון יידישן פאָלק אין משך פון יאָרטויזנטער אין עפּעס אַ מיסטישער אידעע פון ליידן לשם ליידן? און אַן אידעע, וועלכע איז מכלומרשט אימאַנענט דעם יידישן גייסט? צוליב וואָס פאַרטוישן דעם קלאָרן, פון דורות איינגעשטעלטן באַגריף וועגן קידוש־השם אויף אַ פאַר־נעפּלטער, פאַלשער קאָנצעפּציע פון קידוש־היסורים?

אפילו די העלדישע יידישע רויטאַרמייער, וועלכע האָבן מיט־געבראַכט אויף די שלאַכטפעלדער דעם מוט און די ליבע פון זייער גרויסער היים, וועלכע האָבן מער ווי ווער עס איז נישט איז געהאַט די זיכערקייט, אַז דער קאַמף, וואָס זיי פירן מיטן שונא, איז נישט קיין טיילווייזער, נאָר אַן אַבסאָלוטער און ענדגילטיקער פאַר דער באַפרייונג פון זייער פאָלק און אַלגעמיינעם פאָטער־לאַנד אויף אַלע צייטן, און דעריבער אַרויסגעוויזן אַזאַ מסירת־נפש און מאַסן־העלדישקייט — אפילו זיי קומען אויף ביי לייוויקן ווי מקובלים, וועלכע האָבן שוין לאַנג געגאַרט דעם מאָמענט פון קאָ־נען הייליקן זיין נאָמען:

„אַזוינע מאָדנע רויטאַרמייער — פּייערדיקע שניטער,
זיי זינגען אין פאַרטאָג מגלה זייער סוד —
אָן ערשטער און אַ צווייטער און צום סוף אַ דריטער.
אין פלאַם פון שמע ישראל ביז אחד“.

אָדער:

„און זע — דער דריטער ווי אויף אַ שײַטער=הויפֿן,
די זאַנגען לעקן אים אַ העלדישן אַזאַ,
אַ רויטער שטערן וויגט זיך צווישן זײַנע שלייפֿן,
און זײַנע ליפּן זיך פֿאַרגייען אין עקסטאַז פֿון שמע“.

וואָס פֿאַר אַ קוק עמעצער זאָל נישט האָבן אויף דער פֿונקציע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, קען ער דאָך נישט נעגירן די גרויסע באַדייטונג פֿון איר געזעלשאַפֿטלעכער באַווירקונג, ספּעציעל אין איצטיקער צײַט.

אויף דעם נאַנצן שטח פֿון זײַן שאַפֿונג האָט דער דיכטער און דראַמאַטורג לייוויק קיינמאָל נישט געזוכט ווי דער פֿויגל אין וואַלד, נאָר מיט זײַן וואָרט געפּרוווט אויפֿקניפּן גורלדיקע פּראָבלעמען פֿון אונזער קיום. די אינערלעכע בלוטיקע באַציונג צו אָט די פּראָבלעמען האָט זײַן וואָרט אָנגעפֿולט מיט וואָג און אחריות. צו לייוויקס וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט, כאָטש עס האָט אָפֿט פֿאַרפֿירט אין די פֿאַרנעפּלטע ספֿערן פֿון משיחיש=מיסטישע שטימונגען.

מיט וואָס אָבער קומט לייוויק איצט אין דער סאַמע גורלדיקער שעה פֿון אונזער זײַן? צי שוין זשע מיט אָט די מאָטיוון פֿון אומקום, פֿון פֿאַרוואַנדלען אונזער קידוש=השם, וועלכער האָט אונטער אַלע פֿאָרמען אויסגעדרוקט פּראָטעסט קעגן דער רשעות פֿון דער וועלט און גלײַכצײַטיק מוט און אַנטשלאָסנקייט צו לעבן ווײַטער ווי אַ פֿאָלק — אין אַן אַפּאָטעאָז פֿון פּײַן, און קידוש=היסורים? צי שוין זשע האָט דער ייִדישער שרײַבער קיין אַנדער טרייסט נישט איצט פֿאַר זײַן פֿאָלק, ווי:

„נישט זאָרג זיך דײַן ריי וועט נאָך קומען, נאָך קומען“!

ענלעכע שטימען פֿון רעזיגנאַציע, פֿון אַנטלויפֿן צו זיך, פֿון אַליין זיך אײַנשליסן און געטאָ האָבן זיך שוין אַמאָל דערטראָגן צו אונז פֿון יענער זײַט אָקעאַן. אָבער דאָס איז געווען אַ פֿרעמדע אויפֿגעצוווּנגענע קאָנצעפּציע, וועלכע שטייט אין פֿולשטענדיקן קעגנזאַץ צום וועזנטלעכן כאַראַקטער פֿון אונזער פֿאָלק. די „אומערלישע שײַן“, מיט וועלכער דער דיכטער לייוויק וויל אין דעם מאָמענט, ווען זײַן וואָרט פֿון „גרויל=געפֿלעכט“ „וואַרפֿט זיך ווי

אין הארבסט אַ בלאַט", „איבערדעקן די זינד און סתירות פון זיין איינן לעבן" — איז נישט די אמתע שיין פון יידישן גייסט. פאַר־קערט, פון די נביאים ביז אין דער לעצטער צייט וועקט די יידי־שע ליטעראַטור בטחון און מוט, שטאַרקט דעם גלויבן פון פאָלק אין זיין ענדגילטיקן זיג. נאָך מער דאַרף דער דאָזיקער בטחון און מוט ווערן די דאָמינירנדיקע אַטמאָספער פון אונזער ליטעראַטור. אין איצטיקן מאָמענט.

„מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן לעבן"

די טראַגישע געשעענישן פון אונדזערע לעצטע יאָרן זיינען צו אויסטערליש און אומנאַטירלעך, אַז די קונסט פון די, וועלכע האָבן זיי אַליין דורכגעטראָגן, זאָל זיי קאָנען גלייך באַגרייפן, זאָל קאָנען געפינען אַן אויסדרוק פאַר זיי. זי רעדט דעריבער ווייטער בלויז אַ דאַנק דער קראַפט פון געוווינהייט מיט איר אַמאָליקן לשון, שטאַמלט נאָך אַלטע נוסחאות ,געמט פון גרייטן, און די דערשיינונגען, וועלכע האָבן נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון לעבעדיקע ברואים, רופט זי אָן מיט נעמען אויסגעבאָרגטע פון מכלומרשט ענלעכע סיטואַציעס.

אין דער יידישער ליטעראַטור קומט אָפט די דאָזיקע אויטאָמאַטישע געוווינהייט צום אויסדרוק אונטער דעם שלייער פון סענטימענטאַליטעט, ווי דער המשך פון דער אומאויפהערלעכער קייט פון יידישער פיין און ליידן אין פאַרלויף פון יאָר-טויזנטער. אַלטע קינה-מוסטערן, אָדער ווערטער פון קוואַזי-נביאישן צאָרן, פרוון איבערגעבן די גרויליקע אַנדערשקייט פון דער לעצטער צייט.

אָבער די עכטע קונסט גייט קיינמאָל נישט אויף אויסגעטראָטענע וועגן. עס קאָן אַן אומנאַטירלעכער שטום אָפּטעמפּן אויף אַ שטיקל צייט איר שאַרף, אָבער גלייך גראָבט זי זיך ווידער איין אונטער די טונקעלע פלאַסטן פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און פיין, רייסט אויף דאָס פלאַכלאַנד פון געוווינהייטן, און מיט איר שטענדיקן אומרו און פאַרוווּנדערונג זוכט זי דעם אורשפּרונג פון זאַכן אין די טיפסטע טיפענישן פון זייער ווערן.

פאַר אונדזערע אויגן רייסט אָן דער קריזיס פון קינסטלערישן וואָרט. דאָ און דאָרט באַווייזן זיך זיינע ערשטע באַאומרואיקנדיקע צייכנס. צו דער תיבה פון אַלטע געוווינשאַפטן קערט צוריק פון צייט צו צייט אַ פאַרבלאָנדזשעט וואָרט מיט צעפלאַטערטער שרעק און סימנים פון צעמישונג. עס געפינט מער נישט קיין אָנשפּאַרט פאַר זיך. נישט לאַנג וועט דויערן, און דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן, באַזונדערס די ליטעראַטור, וועט זיך דערזען פּלוצים פאַרקלעמט פון אַלע זייטן דורך אַן אָנגברעניקן פינצטערן תהום, וואָס בלויז אַ בליק טון אין אים איז עלול צו דערפירן ביז שגעון. דאָס וועט די ערד, וועלכע האָט איינגעשלונגען אין זיך דעם גאַנצן שווידער און גרויל פון די לעצטע פאַר יאָר, זיך ווידער אַן עפן טאָן פאַר דעם האַרץ און בליק פון קינסטלער און פאָדערן תיקון. אפילו די, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער דעם תחום פון דעם דאָזיקן טאָל פון יאָמער און שגעון, וועלן אויך אים נישט קאָנען ארומגיין. כדי אים צו באַזיגן און ווידער אימשטאַנד זיין אַן אָטעם צו טאָן מיט לעבן און ליכט, וועט דאָס קינסטלערישע וואָרט מוזן אים דורכגיין צו־פוס, וועט מוזן פונסניי אויף אַן אמת אין זיין גרויליקער פינצטערניש זיך אונטערטוקן. אַזאַ איז דער נוסח פון קונסט. אַליין דאַרף זי דורכאַקערן די נאַכט, כדי פון די איינצעלנע פעדימלעך ליכט, וועלכע זיינען צעשאָטן אין איר, אויסוועבן די שיין, וואָס ווערט איר אייגענע שיין און צוגלייך די שיין פון נייעם טאָג.

אָבער מיר, וואָס זיינען אַליין דער יאָמער און שגעון, וואָס זיינען אַליין דער טאָל און דער אָפּגרונט, וועלכן מען דאַרף אַדורכגיין, צי וועט אונדזער וואָרט — פון מידקייט, פון עלנט און יאוש — נישט בלייבן שטעקן אויף אייביק אין דער נאַכט?

שוין איצט איז פאַרשווונדן יעדער שפּור פון שמייכל אין אונדזער ליטעראַטור, און ווען עס פאַרשווינדט דער שמייכל פון אַ ליטעראַטור איז עס פונקט אַזוי, ווי די זון זאָל זיך זעצן אין רוים. קאַלטע פאַרנאַכטיקע ווינטן הויבן אָן צו בלאָזן פון אַרום, לאַנגע טונקעלע שאָטנס שלינגען איין דעם האָריזאָנט. עס דערנענטערט זיך די נאַכט מיט איר טרויער און שרעק.

אמת, טרויער איז פונקט אַזוי אייגן דער עכטער קונסט, ווי פרייד. אָבער דער טרויער, וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון קונסט

איז דורכזיכטיק און מילד, און זיין ברעג איז באַזילבערט מיט אַ לויטערקייט און פרייד פון אַקטיווער יצירה, ווי אַ וואָלקן וואָס שוועבט איבער זון איז באַזוימט ביי זיין ברעג מיט ליכט. דער טרויער, וואָס וואַקסט אָן איצט אין אונדזער ליטעראַטור, איז פינצטער און נישט דורכדרינגלעך, ווי הינטער אים זאָל איינגאַנצן די זון זיין אויסגעלאָשן, די זון פון טרייסט, די זון פון האָפענונג. אַזאַ טרויער פירט אין ערגעץ נישט, נאָר ווי דער שאָטן פון אַ מצבה בלייבט ער שטענדיק פאַרזונקען אין זיך אַליין.

דאָס באַדייט, אַז אַלץ איז געענדיקט, אַז מיר זאָגן שוין אַליין אָפּ נאָך זיך דעם לעצטן קדיש. נאָך זיך און נאָך אַלע, — ווייל צו האָבן מיר דען נישט אין משך פון יאָרטויזנטער אונדזער גורל געכפּלט אויף דעם גורל פון אַלע?

אָבער מיט אַזאַ אַלגעמיינער פאַרנייענונג, פאַרניינען מיר בלויז זיך אַליין. אונדזער לעצטער אויסגעשריי וועט אין ערגעץ קיין אָפּקלאַנג נישט געפינען און וועט אויסגיין אין דער פוסט־קייט, וואָס מיר אַליין באַשאַפן.

צי דאָס איז געווען די צוואה פון די, וועלכע האָבן, פאַר־חיקלט אין רויטע און אין בלוי־ווייסע פאָנען, דורך פייער און בראַנד געהייליקט די גבורה פון מענטש?

צי דאָס איז אפשר דער נוסח פון אונדזער גאַנצער ליטעראַ־טור, וועלכע האָט אין די טיפסטע טיפעניש געפונען דעם וועג צו דערהויבונג, און אין די צייטן פון אומקום געזען דעם חלום פון אויסגעלייזטן מענטש?

אונדזער גרויסער י. ל. פרץ האָט געצוווּנגען אין זיין צייט דעם שר של שירה צונויפצוזאַמלען די טראָפּנדלעך בלוט, וועלכע האָבן אַראָפּגעטריפט פון די צאַרטע לייבער פון אונדזערע יידישע יונגפרויען, בעת זיי האָבן מיט נאָדלען צוגעפעסטיקט די קליידער צום גוף, דער שונא זאָל זייער נאַקעט לייב נישט זען. אין אונדזע־רע צייטן זיינען אַלע שטעט און וועלדער דורכגעזאַפט מיט אָט דעם בלוט פון מענטשלעכער גבורה פון אונדזערע טויזנטער זין און טעכטער, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם כבוד פון פאָלק. פון צווישן די צעוואַלגערטע חורבות שלאָגט זיך עס איצט ווידער אַרויס אין פרישע גרינע געוויקסן. עס גייט אויף אַ נייע געזונטע

יוגנט, וועלכע טראָגט אין זיך מיט הייליקן ציטער אָט דאָס העל־
דישע בלוט. די דאָזיקע יוגנט רייסט זיך צו געוואַגטע פּאַרמעסטן
אויף אַלע פעלדער פון פיזישער און גייסטיקער מי און מיט
תמימותדיקער התלהבות און רירנדיקן מוט קערט זי אום צוריק
דעם פאָלק זיין פאַרשוועכטן כבוד.

וועלכער טרויער וועט אין אָנבליק פון אַזאַ יוגנט נישט ווערן
טיפער און ליכטיקער, וועלכע צער וועט זיין תיקון נישט באַקומען?

„מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן לעבן“ — זאָגט
דער גרויסער יידישער דיכטער חיים נחמן ביאַליק, — און
דאָס איז דער תמצית פון אונדזער קינסטלערישן וואָרט, און
דאָס איז דער מהות פון אונדזער גאַנצער ליטעראַטור, וועלכע
שפּיגלט נישט בלויז אָפּ אונדזער פּיין און צער, נאָר באַזיניקט
אונדזער גאַנג דורך יאָרהונדערטער און דערהויבט אים צו פאַרויס־
גאַנג פאַר מענטשלעכער פרייהייט און ווירדע.

צי איז אַזאַ איבערלעבער ליכטיקער ציל פון א ליטעראַטור
ווייניק אויף איבערבאַוואָפענען זיך אין די שווערסטע מינוטן
מיט מוט? און צי דען איז דער באַוווסטזיין פון שטאַרקן אַ
פאָלק, וואָס שטייט אויף אומאויפהערלעכע מאָל תחית־המתים,
נישט מסוגל אָנצופילן דאָס קינסטלערישע וואָרט מיט פריידיקן
שעפערישן ציטער?

די ליטעראַטור, וואָס גייט האַנט ביי האַנט מיטן פאָלק,
שרעקט זיך קיינמאָל נישט פאַר די טיפסטע און פינצטערסטע
תהומען. וואָס טיפער זי טוט אין זיי נידערן, אַלץ העכער איז
דערנאָך איר צוריקאויפשטייג.

און אַזאַ איז אויך די אויפגאַבע פון יידישן קינסטלערישן
וואָרט אין דעם מאָמענט: לויט די בעסערע מוסטערן פון אונדזער
ביז איצטיקער ליטעראַטור אַראָפּלאָזן זיך, פון איין זייט, אין די
טיפעניש פון גרעסטן תהום פון אונדזער נעשיכטע און מיט טריי־
שאַפט און ליבשאַפט אַרויספאַנגען פון דאָרט יעדן גאָלדענעם
פונק, יעדעם שטראַלעכל ליכט פאַר דעם ווייטערדיקן געוועב פון
אונדזער אייביקן זיין, און פון דער צווייטער — נאָך אינטימער און
ענגער זיך באַהעפטן מיטן פאָלק, וואָס ציט זיך מיט אַלע זיינע
איבערגעבליבענע וואָרצלען צו אַ פריי און חירדיק לעבן.

די ליטעראַטור פון מוט און בטחון

טרויער קומט פון אינערלעכער צעריסנקייט, אָדער פון אויסערלעכער אָפגעריסנקייט, פון אינערלעכע וואַקלענישן, ספקותן און נישט גאַנצקייט מיט זיך אַליין, אָדער פון אויסערלעכער אויסגעוואָרצלטקייט, באָדנלאָזיקייט און אומאויפהערלעכן געפיל פון עלנט און אָפגעפרעמדקייט. אין דער ליטעראַטור איז דער עלעמענט פון טרויער נישט קיין צופעליקער. ער קומט שטענדיק אין דער צייט, ווען עס רייפן אָן געוויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען, אָדער אין אָנהייב פון נייע תקופות, ווען די דאָזיקע ענדערונגען זיינען שוין רעאַליזירט. אין ערשטן פאַל ברענגען אים על־פי־רוב צום אויסדרוק גרופן און שיכטן, וועלכע זיינען מיט דער קעגנוואַרט נישט צופרידן, נאָר וועלכע האָבן נישט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם ווי עס וואָלט באַדאַרפט אַנדערש זיין. אין צווייטן פאַל — גרופן און שיכטן, וועלכע זיינען דורך די ענדערונגען געוואָרן אויסגעוואָרצלט פון דעם באָדן פון זייערע שטייגערישע געוווינהייטן און געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי אין קיינעמס־לאַנד. אָבער אין קיין שום ליטעראַטור זיינען די סיבות, וואָס רופן אַרויס דעם טרויער אין זיינע פאַרשידנפאַרביקע פאָרמען און אויסדרוקן, נישט אַזוי קלאַסיש קלאָר און נישט אַזוי סטאַביל, ווי אין דער יידישער. די יידישע ליטעראַטור, פונקט ווי די גאַנצע יידישע קולטור, האָט זיך צוליב באַוווסטע סיבות תמיד און אין יעדן לאַנד געפילט פאַרפרעמדט און אָפגעזונדערט פון נישט יידישן אַרום, איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דעם קאָנקרעטן לעבן פון געגעבענעם לאַנד, נישט געווען קיין באַשטאַנד־טייל פון זיין גאַנצער קולטור און מערסטנטייל געהאַט איר באַזונדערן אינהאַלט און איר באַזונדערע פאָרם. אין דער

יידישער ליטעראַטור האָבן זיך, אמת, געקרייציגט זייער אָפּט
השפעות פון פאַרשידענע ליטעראַטורן, אָבער די דאָזיקע השפעות
האָבן אָנגענומען מערסטנטייל אַן אייגנאַרטיקע פאָרם און הסכם
מיט די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדינגונגען, אין
וועלכע עס האָבן געלעבט די יידישע מאַסן. פון אָט דער אָפּגע=
פרעמדקייט און אָפּגעזונדערטקייט שטאַמט בעיקר דער אומעטום=
לעך=פּעסימיסטישער און אַבסטראַקט=רעפלעקסיווער הינטערגרונט
פון דער יידישער פּאָעזיע, פונדאַנען אויך די אינהאַלטלעכע און
פאָרמלעכע באַגרענעצטקייט פון דער יידישער פּראָזע. מיט קליי=
נע אויסנאַמען האָט די יידישע פּראָזע פון פאַר דער מלחמה נאָך
אַלץ זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם קליינעם שטעטל, און חען
אפילו, דאָס האָט זיך איר אַמאָל שוין יאָ איינגעגעבן, איז זי אַלץ
געבליבן שטעקן מערסטנטייל אין אויסשליסלעך יידישער טעמאַטיק,
אָנרירנדיק בלויז פאַרבייגייענדיק פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיין
מענטשלעכן באַדייט און באַזונדערס פּראָבלעמען אַקטועל=סאָציאַלע,
וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם סדר היום פון די וועזנטלעכסטע
ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט. קורץ: אין דער יידישער ליטעראַ"
טור פון פאַר דער ערשטער און אפילו צווייטער וועלט=מלחמה האָט
אַלס דירעקטער פועל=יוצא פון איר אָפּגעריסנקייט פון נישט יידישן
אַרום דאָמינירט הויפּטזעכלעך דאָס נאַציאָנאַל=באַגרענעצטע און
במילא אַבסטראַקטע, און ווי אַ רעזולטאַט דערפון אַ פאַרשידנאַר=
טיק=ניואַנסירטער פּעסימיסטיש-טרויעריקער טאָן.

אויף גאָר אַן אַנדער וועג איז אַוועק די סאָוויעטיש= יידישע לי=
טעראַטור. דער הייסער אָטעם פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם האָט
נישט בלויז צעשמאָלצן אַלע איבערבלייבענישן פון אומצוטרוילעכע
אָפּגעזונדערטקייטן צווישן די פאַרשידענע פעלקער, וועלכע האָבן
באַוווינט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, נאָר אויך גלייכצייטיק אַרויסגע=
הויבן אַלע זייערע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע קולטור=ווערטן אויף דעם
באָדן פון איין בשותפותדיקער און אינטים=אייגענער נייער וויר=
קלעכקייט. די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען זיינען געוואָרן דער
זיכערער קנין פון אַלע פעלקער, און יעדעס פאָלק האָט דעם דאָ=
זיקן קנין באַשטעטיקט אויף זיין נאַציאָנאַלן אופן און אין זיין נאַ=
ציאָנאַלער פאָרם. די געמיינזאַמע ניי דעראָבערטע ווירקלעכקייט
איז אויפגעגאַנגען ווי די אינטימסטע טעמע פאַרשידן=געשטאַל=
טיק און פאַרשידן=שפּראַכיק, ווי דאָס לעבן אַליין, וואָס אַנטפּלעקט

זיך פאַרשידן־געשטאַלטיק און איז גלייכצייטיק אינהאַלטלעך מאָנאָליט און אַלעמען גלייך אייגן.

דער ערשטער אין דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אויסגעדרוקט די דאָזיקע וועזנטלעכע איבערקערעניש אין זין פון טיפן, אינטימען, אידענטיפיצירן זיך מיט דער נייער ווירקלעכקייט, וועלכער האָט אויפגענומען די דאָזיקע ווירקלעכקייט נישט ווי קיין פרעמדער, נישט מן־הצד, נאָר פון אינעווייניק, ווי אייגענער פון אַלע, און אַלס אַזאַ געבראַכט זי צום אויסדרוק אין זיין שאַפונג, איז געווען אשר שוואַרצמאַן. דאָס רעוואָלירנדיקע אין די שאַפונגען פון אשר שוואַרצמאַן נאָך דער רעוואָלוציע ליגט טאַקע אין דער ערשטער ריי אין דעם פאַר יעדן יידישן שרייבער ביז גאָר נייעם געפיל פון אינטימער פאַרבינדונג מיטן אַרום, ווי מיט עפּעס גאָר נאָענטס און אייגנס:

מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן,
פאַרטייע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם שונא.

אָדער: („אויפשטאַנד")

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן!
פון טיף פון האַרץ
זיך רייסט אַ ווילד געשריי:
— דער שונא ביי די טויערן!
אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט דער שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
דער שונא ביי די טויערן!

דאָס זיינען נישט קיין דעקלאַראַטיווע לידער, נאָר לידער פון מאַט, פון האַנדלונג, וואָס זייער ריטם אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם ריטם פון אייגן בלוט, און זיי זיינען געוואָרן דאָס געזאַנג פון דיכטערס ווירקלעך און פערזענלעך לעבן.

די דאָזיקע שוואַרצמאַן-טראַדיציע פון אינטימער, דיכטערישער און פערזענלעכער פאַרבינדונג מיטן אַרומיקן לעבן, פון דערפילן זיך איינס מיט דער נייער ווירקלעכקייט פון לאַנד, איז געוואָרן דער ווינקל-שטיין פון דער גאַנצער סאָוויעטיש-יידישער ליטעראַטור און דערפירט זי צו וואונטלעכע ענדערונגען אין איר גאַנצן אידעאָלאָגיש-קינסטלערישן באַנעם און צו נייע קוואַליטאַטיווע ליטעראַרישע ווערטן. די סאָוויעטיש-יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלאָזט דעם וועג פון פאָרמעל-אַבסטראַקטע בלאָנדזענישן אין דער פּאָעזיע און פון דער נאַציאָנאַל-באַגרענעצטער טעמע אין דער פּראָזע. דאָס דיכטערישע וואָרט איז געוואָרן קאָנקרעט, האָט זיך אָנגעפילט מיט רעאַלן אינהאַלט, און די פּראָזע איז אַרויס פון די ד' אמות פון יידישן שטעטל און אפילו פון יידישן געסל אין דער גרויסער שטאָט און האָט אָנגעהויבן צו זען די יידישע דערשיינונגען פון קוק-ווינקל פון אַלגעמיינעם לעבן פון גאַנצן לאַנד. אין די ראַמען פון אָט דער אינהאַלטלעכער און פאָרמלעכער קאָנקרעטקייט האָט דער ספּעציעל „יידישער טרויער און אומעט פון דורות" נישט געקאָנט מער שאַפן דעם גרונט-טאָן פון דער סאָוויעטיש-יידישער ליטעראַטור. אַ העלע פרייידיקע פאַרב פון האָפענונגען און בטחון האָט ווי מיט יונגן זאַפט אָנגעגאָסן די ליטעראַרישע שאַפונגען פון יידיש-סאָוויעטישן שרייבער אומאָפּהענגיק פון זייער גרעסערער, צי קלענערער קינסטלערישער ווערט און פאָרמעלער מייסטערישקייט, און ס'האָט אַ פראַל געטאָן פון זיי מיט יונגטלעכן אָפּטימיזם און יונגטלעכן גלויבן.

די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן צום ערשטן מאָל אַ רעד געטאָן וועגן גייסטיקער און פיזישער מי, ווי וועגן אַ פרייידיקער ברכה, האָבן צום ערשטן מאָל באַזונגען אַרבעט אין בוינג, ווי אַ באַזוניקסטע טעטיקייט, וואָס פירט צו אַבסאָלוטער פרייהייט פון מענטש, האָבן צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם הימל און די ערד, ווי אַז אייגענעם הימל און אייגענע ערד.

באַזונדערס בולט גייען אויף די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע גרונט-שטריכן פון דער סאָוויעטיש-יידישער ליטעראַטור אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז די סאָוויעטיש-יידישע ליטעראַטור אין דער דאָזיקער סאַמע שוידערלעכסטער צייט אין אונדזער געשיכטע איז די איינציקע, וועלכע אַפּע-

לירט נישט צום טראַדיציאָנעלן הכנעה=גייסט און זוכט נישט קיין טרייסט אין קיין איכה=מאָטיוון, נאָר איז דורכגעדרונגען מיט קאָנ=
קרעטער קאַמפּס=שטימונג, מיט דער העראָיק פון רעאַלע פאַקטן, און
איז פול מיט גלויבן און בטחון אין זיג פון דער גערעכטיקייט און
במילא אויך אין זיג פון אונדזער פאָלק. ס׳איז זיכער נישט קיין צו=
פאַל, וואָס אַרום דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָס=
קווע, וועלכער האָט דער ערשטער געגעבן דער גאַנצער יידישער
וועלט דעם רוף צו איינהייט און אויסדויער פון פאָלק, האָבן זיך
ספּאָנטאַן קאָנצענטרירט אַלע יידישע סאָוועטישע שרייבער און דורך
אים צעשיקט זייערע דערמוטיקנדיקע און בטחון=פולע
שאַפונגען בכל תפוצות = ישראל. ס׳איז אויך נישט
קיין צופאַל, וואָס די מערסטע טייל שאַפונגען, פּאָע=
טישע, פּראָזאַישע און דראַמאַטישע, וועלכע שפּיגלען אָפּ נישט
כתּם דעם גרויל פון די לעצטע יאָרן, נאָר וועלכע עפענען אויף
קינסטלעריש און טעמאַטיש פּערספּעקטיוון פון ווייטערדיקן אויס=
דויער פון אונדזער פאָלק, סיי דורך אָנבינדן אין די העראָישע
טראַדיציעס פון אַמאָל, סיי דורך אַרויסברענגען די גבורה=מאָמענטן
פון איצט, זיינען געראָד שאַפונגען פון סאָוועטיש=יידישע שרייבער.

דער סאָוועטיש=יידישער שרייבער האָט נישט בלויז געשריבן
וועגן גבורה, נישט בלויז דערמוטיקט אַנדערע, נאָר מיט זיין אייגן
בלוט און מסירת=נפשדיקן קאַמף מיט דעם גרעסטן שונא צו אונדזער
פאָלק די דאָזיקע גבורה רעאַליזירט. דאָס גרויסע צעטל פון העלדיש=
א׳מגעקומענע יידישע שרייבער אין שלאַכט, ווי: ווינער, גורשטיין,
ראָסין, אָליעווסקי, גערשנזאָן, כאַשטשעוואַצקי, שוועדיק, קאַגאַן,
האַרצמאַן, אָראָנסקי א. אַ. זאָגט עדות וועגן דער איינגעוואָרצלטער
קאַמפּס=און גבורה=טראַדיציע פון יידישן שרייבער אין ראַטנפאַר=
באַנד.

דאָס איבערגעלעבטע נאַציאָנאַלע אומגליק, ווי די דורות=לאַנגע
פיין פון יידישן פאָלק בכלל, געפינט זיין תיקון אין דער סאָוועטיש=
יידישער ליטעראַטור נישט ווי אַ טייך, וואָס פאַרלירט זיך אין די
איינסופיקע זאַמדיקע מדבריות פון יאָמער און קלאָג, נאָר אין אַל=
געמיינעם שטורעמדיקן ים פון מענטשלעכע קאַמפן פאַר פרייהייט
און גערעכטיקייט.

די דאָזיקע וועזנטלעכע איינגשאַפטן פון דער סאָוועטיש=

יידישער ליטעראַטור: איר לעבעדיקער, קאָנקרעטער און רעאַלער אינהאַלט, איר אינטימע אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט און — וואָס איז דערמיט פאַרבונדן — איר אָפּטימיסטישער, בטחון־פולער און גלויבנדיקער גרונט־טאָן, שטעלט זי אַוועק אין שפּיץ פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן אויף דעם געגעבענעם עטאַפּ פון דער געשיכטע, ווען דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון אונדזער פאָלק פאַר זיין גייסטיקן און פיזישן קיום איז נישט בלויז אַריינגעטרעטן אין זיין ענדגילטיקער סטאַדיע, נאָר האָט זיך אויך אויסגעקלאָרט ווי אַ קאַמף, וואָס מוז געפירט ווערן אויסשליסלעך געמיינזאַם מיט די פּראָגרעסיווע כוחות אויף דער גאַנצער וועלט.

שרייבער און ביכער

די משלים פון ל. אליצקי

דער פאָלקסמער משל איז דער, וואָס זיין נמשל דרינגט אַרויס אויף אַ נויטווענדיקן אופן פון דער נאַטירלעכער און כאַראַקטערי־סטישער האַנדלונג, אָדער האַלטונג פון די פּערזאָנען, חיות, צי קעגנשטאַנדן, וועלכע טרעטן אין דעם משל אויף.

די אידיי פון משל, זיין מאָראַלישע פּוינטע, ליגט אַ סך אויבנ־אויפיקער, איידער ווי די אידיי אין יעדן אַנדערן קינסטלערישן זשאַנר. שוין אין עצם פאַרקלער פון משל, אין זיין ערשטיקן איינ־פאַל, איז פאַראַן דער גאַנצער מוסר־השכל, און דער אייגנטלעכער „משל למה הדבר דומה“ איז נישט מער ווי אַ קאָנקרעטיזירונג פון דעם דאָזיקן מוסר־השכל, אַן אָנקליידן אים אין בלוט און פלייש, כדי אים צו פאַרוואַנדלען פון אַן אַבסטראַקטן עטישן פּרינציפּ אין אַ בילדלעכער פאָרשטעלונג, און אַזוי אַרום מאַכן אוממיטל־באַרער דאָס אויפנעמען אים. טאַקע דערפאַר איז נייטיק ווי מעגלעך בולטער אַרויסברענגען די פיגורן, וואָס האַנדלען אין אים, און ווי מעגלעך נאַטירלעכער און באַגלויביקער שילדערן זייערע קעגנזײ־טיקע באַציונגען.

וואָס מער אַ משל שטעלט פאָר מיט זיך אַ געשלאָסענע גאַנצ־קייט אַן און פאַר זיך, וואָס מער ער איז אינערלעך באַגריַנדעט דורך דער אמתדיקייט פון זיינע געשטאַלטן און האַנדלונגען, וואָס מער אומאָפּהענגיק ער איז אַ דאַנק זיין פאַבולאַרער און טעמאַ־טישער פאַרענדיקטקייט און אויסגעשעפּטקייט, אַלץ נויטווענדי־קער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער און ווירקזאַמער איז זיין מאָראַלישע סענטענץ.

דער גענישאַלער רוסישער קריטיקער, בעלינסקי, באַצייכנט דעם משל, ווי „אַ קליינע דערציילונג, אָדער דראַמע מיט פּאָעטיש געצייכנטע געשטאַלטן און כאַראַקטערן". דאָס הייסט, ווי אַן אָפּגעשלאָסן זעלבסטשטענדיק ווערק, וואָס יעדער העטאַל אין דעם איז באַדינגט פון אַ אינערלעכער געזעצמעסיקייט און ניט פון וועלכער ס'איז אויסערלעכער טענדענץ.

דאָס איז אַן אַלגעמיין געזעץ, וואָס באַדינגט די העכערע אָביעקטיוויטעט און נויטווענדיקן אמת פון יעדער עכטער קינסטלערישער שאַפונג און במילא אויך פון משל.

אין זיינע משלים רעאַליזירט ל. אַליצקי, אין אַלגעמיין גענומען, די דאָזיקע גרונטיקע פּרינציפּן. פאַר אַליצקין איז דער משל ניט קיין צופעליקע שאַל, כדי איינצוהילן אַ באַשטימטן מאַראַלישן לערן, נאָר אַ וועזנטלעכער ענין אַן און פאַר זיך, אַ נויטווענדיקע פאָרם, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך זיין דיכטערישע פערזענלעכקייט. פיל פון אַליצקים משלים באַזיצן אַ געפרעסטן כאַראַקטעריסטישן דיאַלאָג און פּלאַסטישע „פּאָעטיש געצייכנטע געשטאַלטן און כאַראַקטערן" און מאַכן ווירקלעך דעם איינדרוק פון קליינע דראַמעס מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן אַקצענט.

ל. אַליצקים סאָציאַלער באַנעם, זיין אינערלעכע שטרעבונג צו אַ לעבן פון יושר און גערעכטיקייט, זיין גייסטיקע פאַרבונדנקייט מיט דער וועלט פון אַרבעט און מי קומט צום אויסדרוק אויך אין די אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנרען, אין וועלכער ער איז טעטיק, דאָס הייסט, סיי אין זיין פּראָזע, סיי אין זיין דיכטונג. אָבער אין קיין שום זשאַנר ווערט דער דאָזיקער וועלט־באַנעם ניט פאַרקערפּערט אַזוי קינסטלעריש־אָביעקטיוו און אַזוי קאָנקרעט־באַגרינדעט, ווי אין זיינע משלים. אין משל רעדט צו אונדז אַליצקים וועלט־אויפפאַסונג מיט דער איבערצייגנדיקער שפּראַך פון קאָנקרעטער בילדלעכקייט, פאַרקערפּערט זיך אין די כאַראַקטעריסטישע האַנדלונגען פון זיינע העלדן. דער סאָציאַלער מאָמענט, וועלכער האָט ביי אַליצקין אַ באַשטימטע און קלאָרע ריכטונג אין דער זייט פון אַרבעטנדיקן מענטש און פון זיין שטרעבונג צו אַ בעסערן און שענערן מאָרגן, גייט ניט אום אין זיין משל ווי אַ הוילע סוביעקטיווע טענדענץ, נאָר איז אינטים פאַרבונדן מיט זיינע פערסאָנאַזשן, ווי אַ נויטווענדיקער פועל־יוצא פון זייערע

כאַראַקטערן און האַנדלונגען. פונדאַנען די אינערלעכע גאַנצקייט פון אַליצקיס משל, פונדאַנען אויך זיין איבערציינגעוודיקייט.

די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן האָט ל. אַליצקי אַלס משל־שרייבער אַרויסגעוויזן שוין אין זיין ערשטן בוך „משלים“ און נאָך מער אין צווייטן — „ווענט האָבן אויערן“. אָבער באַזונדערס אויסדריקלעך זיינען זיי אויפגעגאַנגען אין זיין דריטן „משלים“ בוך — „דער מענטש וועט גוט זיין“. דער נאָמען האָט מער שייכות מיט דעם הומאַניטאַרן גייסט, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען דאָס בוך אַלס גאַנצעס, אָבער די מערהייט משלים, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, זיינען ווירקלעכע מוסטער־משלים לויט זייער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, געפּרעסטן אינהאַלט און קאָמפּאָזיציאָנעלער גאַנצקייט.

משלים זיינען פאַראַן פאַרשידענע: סאַטירישע, איראָנישע, מאָראַלישע און אַפילו תמימותדיק־דערציערישע, אָבער די נשמה פון משל איז ביי אַלע די מאָראַלישע טענדענץ. דעריבער טאַקע, וואָס קורצער און אינערלעך אויפצווינגענדיקער עס איז דער וועג פון משל צו אָט דער טענדענץ, אַלס גאַנצער איז זיין אויסערלעכע פאָרם און אַלץ טרעפלעכער זיין אינהאַלט.

אָבער די מאָראַלישע טענדענץ איז נאָר איין זייט פון משל, דערביי איז די וועזנטלעכקייט פון אָט דער זייט באַזונדערס בולט נאָר דאַן, ווען מיר נעמען דעם משל אַלס ליטעראַרישן זשאַנר ריין טעאָרעטיש און אַבסטראַקט. אין דער פּראַקטיק שטעלט אונדז פאָר דער משל נאָך פיל אַנדערע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען סיי פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, סיי פון סאָציאַל־שטייגערישן אָפּטמאָל פיל וויכטיקער און באַלערנדיקער, איידער ווי זיין אַלגעמיינער, אַבסטראַקטער, מאָראַלישער אויספיר. אין משל קאָנען אויפקומען כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק, קאָנען אויפגיין וועזנטלעכע שטייגער־דעטאַלן פון דער, אָדער יענער צייט, פון דער, אָדער יענער סביבה. דער משל קאָן אויך האָבן שטאַרקע דיכטערישע אַקצענטן פון רעפלעקסיוו - בילדלעכן און אַפילו לירישן כאַראַקטער, וועלכע העלפן צו אויסטראָגן די באַצוועקטע טענדענץ אין דער אַטמאָספער פון אַן איינגעמיטלעכער, איר צוגעפּאַסטער שטימונג און דערמיט גופא מאַכן זי מער קאָנקרעטער און מענטשלעך־אמתדיקער.

א גרויסער טייל פון ל. אַליצקים ערשטע צוויי משלים־ביכער און אייניקע אפילו פון דריטן געהער צו אַט דעם לעצטן טיפּ. ל. אַליצקי האָט נישט מורא זיך אָפּצושטעלן אינמיטן פון זיין געדאַנקלעכן וועג צום אָנ:עצייכנטן ציל און זאָגן: „מה נאה אילן זה“, האָט נישט מורא אַ שילדער צו טאָן דעם אָדער יע־נעם שטייגערישן דעטאַל, פאַרהאַלטן זיך לענגער אויף אַ כאַ־ראַקטעריסטיש בילד, אויף אַ פיינעם וואָרט־שפּיל און אַפילו ברענ־גען צום אויסדרוק אַן אינטים ליריש געפיל.

אין דער מערהייט אָבער פון דריטן בוך משלים ווייכט אַליצ־קי אַביסל אָפּ פון אָט דעם נוסח. ער איז פיל געפּאַסטער, קורצער און שלאָגפערטיקער. אַזעלכע משלים ווי: „דער בוים, דער פּניאַק און זיינע ריטלעך“, „רב וואָלף און דער פוקס“, „די ברוינע קאַשע און דאָס געלע הירזשיקל“, „דער חזיר און דער פוקס“, „די סמע־טענע און די זויער־מילך“, „די ווייסע מעל און די שוואַרצע קוילן“, „דער נאַפט = לאָמפּ“, „דער הויקער און דער אויער“, דאָס שטויבל און די ברעם“, און פיל אַנדערע קאָנען דינען מיט זייער אינהאַלטלעכער שאַרפקייט און ציל־אָנגעווענדקייט אַלס מוסטערן.

גלייכצייטיק אָבער האַלט איין ל. אַליצקי די פריערדיקע פאָלקסטימלעכע רייכקייט פון דער שפּראַך, וואָס איז אַזוי וועזנט־לעך פאַר דעם עכטן משל, די גוטמוטיקע איראָניע, די בילדלעכע שילדערונג און די אַקטועלע צייטלעכקייט.

די אַקטועלקייט פון ל. אַליצקים משל איז אַ באַזונדערע, פאַר אים בלויז אייגנטימלעכע.

יעדער עכטער משל איז שטענדיק אַקטועל און לאָזט זיך אָנווענדן צו יעדער צייט, ווייל ביי זיין גאַנצער כאַראַקטעריסטי־שער שפּראַך און רעאַלער שילדערונג איז זיין טעמע, מערסטנטייל, איינגעשאַפּט פון מענטשן, חיות און דוממים, גענומען פון דעם אַזוי גערופענעם אייביקייטס־שטאַנדפּונקט. זיין מאָראַלישע פּוענ־טע פאַרמאָגט דעריבער אין זיך יענע אַלגעמיינקייט, אין וועלכער עס לאָזן זיך לייכט אַריינפּאַסן פאַרשידענע אומשטענדן. אָבער די דאָזיקע מעגלעכקייט פון יעדן עכטן משל צו קאָנען ווערן שטענ־דיק אָנגעווענדעט און אַקטואַליזירט האָט מערסטנטייל אַ שייכות בלויז צו דער אינדיווידועלער נאַטור פון יחידים, צו באַשטימטע

אַבסטראַקטע אייגנשאַפטן פון זייער כאַראַקטער, ווי קאַרגשאַפט, צביעות, פאַלשקייט, חניפה, גיריקייט און ענלעכעם.

ל. אָליצקי הייבט אַרויס דורך זיין משל נישט בלויז אָט די אייביקע אייגנשאַפטן פון מענטש אין זייער אַבסטראַקטער פאָרם, נאָר הינטער זיי זייט אויף די אַטמאָספער פון דער צייט, קאָנקרעט געשטאַלטיקט אין אַ וועלט-אַנשויונג, וועלכע קומט פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער אָריענטאַציע. אין אָליצקיס משל זעען מיר די, אָדער יענע מענטשלעכע אייגנשאַפט, נישט ווי אַן אַבסטראַקטע קאַטעגאָריע, נאָר אַרויסגעוואַקסן פון באַשטימטע באַדינגונגען און פון אַ באַשטימטן טיפּאַזש. דורך דער קלאָג פון דעם קראַנקן ריטל אויף דעם אָפּגעזעגטן בוים; דורך רב וואָלפן, וואָס „פאַרגייט זיך אין געוואַי“ אויף דעם אומגליק פון זיין פאָלק; דורך דעם איינפאַל פון דעם געלן הירזשיקל, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דער ברוינער קאַשע; דורך דעם כאַראַקטעריסטישן לשון פון די פאַרשידענע סאָרטן געבעקס; דורך דעם גורל פון דער זויער-מילך און דעם דיאַלאָג צווישן דער ווייסער מעל און די שוואַרצע קוילן און נאָך און נאָך ענלעכע דערצו — גייט אויף פון אָליצקיס משל נישט בלויז דער אַלגעמיינער גייסט פון דער צייט, נאָר בפירוש די שטימונגען און דער אופן פון דענקען פון גאַנץ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אין אָט דער צייט. די דאָזיקע שטימונגען און דער פאַרשידענער אַרט דענקען ווערן באַלויכטן מיט דעם ליכט פון קלאָרן שכל-הישר און געזונטן פאַרשטאַנד פון פשוטן יידישן פאָלקס-מענטש. פונדאַנען דער קאָנקרעטער רעאַלער צוגאַנג פון אָליצקיס משל צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן, ווי אויך זיין גרויסער דערציערישער באַדייט. פון דאַנען אויך זיין געמיטלעך-אָפּטימיסטישער אויסקלאַנג, זיין טיפער יידישלעכער בטחון און אינערלעכער גלויבן, אַז די אַלע אָביעקטן פון זיין אייגענעם אויסלאַכן און איראָניע זיינען נישט קיין אייביקייטס-פּראָבלעמען, נאָר פאַרגענגלעכע דערשיינונגען, באַדינגטע דורך דער צייט און דורך דער סביבה.

„איך גלויב באמת אויך איצט, נאָכן גרעסטן בראָך פון אונדזער פאָלק, — זאָגט ל. אָליצקי אין זיין פאָרוואָרט, — אַז דער מענטש גייט צו דער זון, אַז ער וועט זיין גוט, און עס וועט אים גוט זיין“.

דער דאָזיקער פאָלקס=אָפּטימיזם פון ל. אָליצקיס משל איז באַזונדערס ווערטפול איצט, ווען מיר אַלע נייטיקן זיך אַזוי אין בטחון און אין גלויבן, אַז דער מענטש וועט נאָך גוט זיין. אַ דאַנק אַט דעם אָפּטימיזם הייבט זיך אויף אָליצקיס משל צו פאָלקס=טימלעכער חכמה און נאַציאָנאַלער ציל־אַנגעווענדקייט, גייט אויף ווי אַ טריסט פאַר יעדן יידישן מענטשן און ווי אַ קוואַל פון מוטיקער און ווירדיקער דערציונג פאַר יעדן יידיש קינד.

באַזונדערס נויטיק איז אונטערצושטרייכן אָליצקיס צוגאַנג צום אַלטן יידישן אוצר.

די יידישע פאָלקסטימלעכע שאַפונג, ווי יעדע פאָלקס=שאַפונג, איז ווייט נישט איינהייטלעך, סיי לויט איר אינהאַלט, סיי לויט איר אויסערלעכער אויסדרוק ־ פאָרם. פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן לאָזן איבער אין איר זייערע שפּורן, וועלכע אַנטשפּרעכן אָפּטמאָל פאָלקס = פרעמדע אָנשוויונגען, אָדער זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון רעליגיעזער הכנעה, אַבערגלויבן און אָפּגעשטאַנענקייט. דער אומבאַדינגט=נייטווענדיקער אָנטייל פון פאָלקס=ווערטל, פאָלקסטימלעכן מאָראַלישן אַפאָריזם און פאָלקס=סאַטירע אין דעם משל פאָדערט דעריבער אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער עכט פאָלקישער שאַפונג און אַ קענטעניש אויסצוטיילן זי פון די פאַרשידענע פרעמדע אָנגעוווקסן.

אָליצקי ווייזט אַרויס די דאָזיקע פאַרשטענדעניש. ער גייט נישט אויף דעם וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד צו שעפּן פון פאָלקס=אוצר אַן שום איבערקלייב, פאַרקערט, זיין צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט איז אַ פאָרזיכטיקער און אַ קריטישער, און ער נעמט פון איר פאַר זיין משל בלויז דאָס עכט פאָלקישע, דאָס וואָס איז אָנגעלאָדן, פון איין זייט, מיט אמתער איראָניע און אויפריכטיקן פּראָטעסט קעגן יעדן פאָלקס=באַדריקער, און פון דער צווייטער, מיט עכטן פאָלקסטימלעכן הומאָר און נאַטירלעכער זעלבסטווירדע. דאָס פאָלקס=ווערטל און דער פאָלקס=אַפאָריזם אין אָליצקיס משל ברענגען אַרויס די שטימונגען פון אַרבעטנדיקן מענטשן און זיין באַציונג צו די רייכע. דאָס גיט צו אָליצקיס משל אַ טיפערן סאָציאַלן זין, פאַרבינדט אים מיט דער עכטער פאָלקס=שאַפונג.

אין אײַנקלאַנג מיט דעם דאָזיקן אינהאַלט, איז אויך די שפּראַך פון אַליצקים משל אַ פּשוטע און פאָלקסטימלעכע, אַ נאָענטע צום לשון פון פאָלק.

אוודאי איז בײַ אַליצקין פאַראַן אויך אַ גאַנצע רײ װײניקער געלונגענע משלים, אײניקע פון שטאַנדפּונקט פון װאָרט-איבערגעלאָדנקייט, אַנדערע מחמת אומקלאָרקייט פון דער סענטענץ, דריטע צוליב דעם נישט געלונגענעם אויסוואַל פון דער עצם טעמע און דעסגלײַכן. אָבער נישט די דאָזיקע משלים זײַנען בדרך-כלל די כאַראַקטעריסטישע און װעזנטלעכע פאַר אַליצקים אײַנגעשטעלטן נוסח.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלן מיט זיך פאַר אַליצקים איבערזעצונגען פון קרילאָװ. אַליצקי האַלט זיך געװיסנהאַפט בײַ קרילאָװס טעקסט, היט אָפּ פּינקטלעך די מאָס, דעם ריטם און מערסטנטײל אַפילו דעם כאַראַקטער פון גראַם, און דאָך קומט אויף קרילאָװס משל אין אַליצקים איבערזעצונג אָרגאַניש — ייִדישלעך און נאַטירלעך, מיט אַ זאַפטיק פאָלקסטימלעך ייִדיש-לשון, װי אַן אָריגינעל געװיקס. אויך דער אויסוואַל פון די איבערזעצונגען איז זײער געלונגען. דאָס זײַנען די פּערל פון געניאַלן רוסישן משלים-שרײַבער.

אין אויספיר: פאַר דער ניי-אויפגעקומענער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן איז ל. אַליצקים דריטער בוך משלים זײער אַ באַלידער און עכטער צושטײער.

„צווישן הימל און וואַסער"
פון הערץ בערגנער

פון זיינע ערשטע אויפטריטן אין דער יידישער ליטעראַטור האָט הערץ בערגנער אַרויסגעוויזן אין באַצוג צו זיינע העלדן אַ ספּעציעלן אומצוטרוי. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז זיי אומאויפהערלעך חושד, אַז זיי ווילן זיך אַרויסדרייען פון זיינע הענט, און ער איז זיי נאָכגעגאַנגען פּיס-טריט, פאַרצייכנדיק די מינדסטע האַנדלונג זייערע און אויפכאַפּנדיק אַלע זייערע גענג און תנועות.

עס איז געווען דאַן די צייט פון דרייסטן אויפקום פון דער יונגער פּראָלעטאַרישער שרייבער-גרופּע אין פּוילן, וועלכע האָט נישט בלויז מיט אַרויספאָדערנדיקן מוט זיך באַמיט צו טוישן דעם איינגעשטעלטן נוסח פון ענגער, פערזענלעך-אויבערפלעכלעכער השתפכות-הנפש אין דער ליריק אויף ברייטע און טיפע סאָציאַלע איבערלעבונגען, און די פּלאַך-סענטימענטאַלע קליינבירגערלעכע שטייגער-מאָטיוון אין דער פּראָזע — אויף רעאַליסטישע, סינטעטישע שילדערונגען פון אַן אינערלעך דיפערענצירט פאָלקס-לעבן, נאָר אויך מיט שעפערישער אָנשטרענגונג געזוכט נייע און אַנדערשדיקע אויסדרוק-מעטאָדן.

בערגנער, ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע, האָט געפּרוּווט דורך אַ גענויער שילדערונג פון פּרטים, הן פון אינערלעכן לעבן פון העלד, הן פון זיין אויסערלעכן אויסדרוק, אַרויסברענגען פון איין זייט, וואָס פולער דאָס שווערע לעבן פון יידישן פאָלקס-מענטש און אַרבעטער,

און אַזוי אַרום אונטערשטרייכן די גערעכטיקייט און נויטווענדי־
קייט פון זיין קאַמף, און פון דער צווייטער זייט, אַרויסהייבן וואָס
בולטער און קלאָרער די גאַלט־גיריקייט, פּוסטקייט און אַכזריות
פון די הערשנדיקע שיכטן.

די דאָזיקע גענויע שילדערונג אין הערץ בערגנערס ערשטע
דערציילונגען האָט דערפירט אַפּט צו אַ געוויסער אָנהויפונג פון
דעטאַלן און איינצל־באַשרייבונגען פון די אינטימע איבערלע־
בונגען פון העלד און פון זיין אויסערלעך פאַרהאַלטן זיך אויפן
חשבון פון זיין סינטעטישער און בילדלעכער פאַרגאַנצקייט.

אָבער גלייכצייטיק האָט זיך שוין אין די ערשטע ליטעראַ־
רישע אַרבעטן פון בערגנערן בולט אויסגעטיילט אַ באַשטימטע
אייגנשאַפט, וועלכע איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר
יעדער עכטער פּראָזע. דאָס איז דאָס נאַטירלעכע געפיל פאַר
קינסטלערישער אָביעקטיוויטעט אין דער געשטאַלטיקונג פון
מענטשן און געשעענישן און דער עקשנותדיקער דראַנג נאָך דעם
קינסטלערישן אמת, ווי אומברחמנותדיק און אפילו גרויזאַם ער
זאָל נישט זיין.

— בערגנער האָט געקענט בלויז ביי דעם אויסוואַל פון דער
טעמע, אָדער ביי דעם ערשטן אַרויספיר פון זיין העלד, פאַראַטן
אַמאָל אַ באַשטימטע סוביעקטיווע איינשטעלונג, אָבער וואָס מער
ער האָט זיך פאַרטיפט אין זייער רעאַליזירונג, אַלץ קענטיקער
האָט זיך אויסגעטיילט זיין ווידערווילן צו סוביעקטיווער איינ־
גערעניץ אין דער שילדערונג פון זיינע פאַרשוינען, אָדער פון די
געשעענישן.

דאָס האָט שוין זיינע ערשטע יוגנטלעכע דערציילונגען צו־
געגעבן אַ באַזונדערע וואָג און ערנסטקייט, מיט וועלכע זיי
האָבן געצויגן אויף זיך אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט.

בערגנערס לעצטער בוך „צווישן הימל און ערד" ווייזט אויף
אַ קאָלאָסאַלן וווקס אין דער ערשטער ריי אין זין פון קינסט־
לערישער פאַרטיפונג און רייפקייט. אַנטוויקלנדיק אויף אַ העכע־
רער שטופע די פּאָזיטיווע פּראָזאישע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן
זיך אָנגעצייכנט נאָך אין זיינע ערשטע שאַפונגען, האָט בערגנער
מיט אַ טיפן געפיל פון קינסטלערישער מאָס אָנטשיידן זיך

אויפגעהויבן פון דער אויספירלעכער באַשרייבונג פון פּרטים צו סינטעטישע שילדערונגען פון העכסט כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע מאָמענטן, סיי אין לעבן פון זיינע העלדן, סיי אין גאַנג פון די געשעענישן. בערגנער ווייסט שוין איצט ווי אויסצוגעפינען דעם וועזנטלעכן שטריך, וועלכער איז כולל אין זיך סיי דאָס אינדיווידועלע, סיי דאָס אַלגעמיינע. ער ווייסט שוין אויך, ווי ארויסצוהייבן דעם מאָמענט, וועלכער איז דער פאַרבינדנדיקער און גלייכצייטיק צעטיילנדיקער פונקט אין לויף פון געשעענישן.

דער אינהאַלט פון בוך: א גרופּע יידישע מענער און פרויען, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די היטלעריסטישע מערדער אויף פאַרשידענע אופנים און דורך פאַרשידענע וועגן, טרעפן זיך צונויף צוזאַמען אויף אַן אַלטער צעבראָכענער שיף, וואָס בלאָנקעט אַרום פון איין ברעג צום צווייטן און וויל פון קיין שום לאַנד נישט אויפגענומען ווערן.

די דאָזיקע גרופּע שאַפט אַ באַזונדערע פאַר זיך אָפּגעשלאָגענע וועלט, וועלכע איז דאָך אינערלעך שטאַרק דיפערענצירט.

אין איינקלאַנג דערמיט שילדערט בערגנער די דאָזיקע גרופּע צווייפלאַכיק, ערשטנס, ווי אַ גרופּע, וואָס איז געבונדן דורך איין טראַגישן גורל און איז דורך דעם דאָזיקן גורל אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט, און צווייטנס, ווי א גרופּע, וואָס באַשטייט פון פאַרשידנאַרטיקע טיפּן.

בערגנער שילדערט אונדז די דאָזיקע טיפּן און זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט און אויסערלעכער פּלאַסטישקייט, אַז יעדער איינער פון זיי, ביי זיין גאַנצער איגנאַרטיקייט און אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליזירטקייט, שמעלט פאַר מיט זיך אַ סימבאָל פון אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן שיכט. דאָס געבן זייער אינערלעך און אויסערלעך לעבן דורך כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע שטריכן מיט נאַטירלעכער פּשטות און אינערלעכער נויטווענדיקייט שאַפט זייער קינסטלערישן אמת, און די אָביעקטיווע שילדערונג פון אַלע זייערע נאַאיווע און מינדערווערטיקע האַנדלונגען, פון אַלע זייערע קליינלעכע פערזענלעכע שוואַכקייטן, נישט געקוקט אויף זייער טראַגישער סיטואַציע, מאַכט זיי אונדז נישט בלויז

מענטשלעך נאָענט און פאַרשטענדלעך, נאָר הויבט זיי גלייכצייטיק אַרויס אין אַ ספערע פון גרויסן מענטשלעכן טרויער און טיפן עלנט.

די רירעוודיקייט און באַרעדעוודיקייט פון פּאַביאַשן, וועלכער ענדיקט אַזוי טרויעריק זיין לעבן אין שטומער עלנטקייט; די נאַאיוו=קאָמישע גאווה פון דעם בורר און באַלעבאַטישן ייד רב זיינוול; דאָס פאַרהאַלטן זיך פון נח דעם „רויטן"; די טראַגישע געשטאַלט פון האַלב=געריירטן דאָקטאָר, וואָס די דייטשן האָבן זיין איינציקן זון אויפגעהאָנגען פאַר אים אין די אויגן; די אָנגעגליטע ליבע=שפּאַנונג צווישן נאַטאַנען און אירען אין אַזעלכע אויסטערלישע באַדינגונגען — דאָס אַלץ איז נישט בלויז אַרויס=געבראַכט מיט גלייכצייטיקער אָביעקטיוו=קינסטלערישער האַרב=קייט און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן, נאָר דער עיקר, הינטער דעם אַלעמען שפּרייט זיך די גאַנצע צייט דער טראַגישער שאָטן פון אַ געשפּענסטיקער וואָר, וואָס נעמט אַלץ אַרום מיט אַן אויסטערלישער שיין פון יענוועלטיקייט, ווי קליינלעכע וואָכיקע טואונגען זאָלן פאָרקומען אין דער אויס=טערלישער אַטמאָספער פון אַ בית=עולם.

דערמיט גופא ווערט אַ פּשוטע געשיכטע פון געוויינלעכע מענטשלעכע מעשים און באַציונגען, וועלכע קומט פאָר אויף אַן אַלטער שיף צווישן הימל און וואַסער, דערהויבן צו יענער טראַ=גישער הויך, ווו קעגנשטאַנדן הויבן אָן פאַרלירן זייערע רעאַלע אינהאַלטן און פאַרוואַנדלען זיך אין סימבאָלן.

דער גורל פון די מענטשן ווערט דער גורל פון אַ גאַנץ פאָלק, און דאָס אָרט, ווו די דאָזיקע מענטשן לעבן זיך אויס אין זייערע פּיינען און ליידן — די אַלטע, צעבראָכענע און בלאָנדזשענדיקע שיף — ווערט דער סימבאָל פון דעם לעבן פון אַ גאַנץ פאָלק.

הערץ בערגנערס בוך „צווישן הימל און וואַסער" איז בלתי ספק איינס פון די בעסטע ביכער, וועלכע זיינען דערשינען אין דער לעצטער צייט אין דער יידישער ליטעראַטור נישט בלויז דערפאַר, ווייל עס הויבט אַרויס דורך לעבעדיקע געשטאַלטן און

באַגלויביקע סיטואַציעס אויף אַ בולטן און איינגאַרטיקן אופן דעם שוידער און גרויל, וועלכן די יידן האָבן איבערגעלעבט אין דער לעצטער צייט, נאָר אויך צוליב דעם גרויסן קינסטלערישן מוט, וועלכער גייט אויף פון יעדן בלעטל און פון יעדער שורה.

בערגנער, אַלס קינסטלער, אַנערקענט נישט קיין שום מילדערנדיקע אומשטענדן אין דער שילדערונג פון זיינע העלדן און פון זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען. זייער טראַגישער גורל באַווירקט אים נישט, ער זאָל פאַרשענערן זייער אמתדיק לעבן. די קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט איז פאַר אים דאָס העכסטע געזעץ. ער ווייזט דעריבער זיינע מענטשן אזוי, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט, און נישט ווי מיר וואָלטן זיך זיי געוואָלט אויסחלומען אין דער דאָזיקער לאַגע. דאָס שאַפט די עכטקייט פון בערגנערס בוך און זיין טיפן אמת.

דאָס איינציקע וואָס שטערט דאָך, אז דאָס דאָזיקע בוך זאָל צוגלייך מיט זיין עכטער קינסטלערישקייט אויך אידעיש - אינהאַלטלעך ווערן דער נאַציאָנאַלער אויסדרוק פון יענער צייט אין טיפערן זין פון דעם וואָרט, איז די פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון יעדן מינדסטן שטראַל פון האָפענונג, פון יעדן שטרייפעלע ליכט.

די שווערע אַטמאָספער, אין וועלכער עס קומען אויף די ערשטע שורות פון בוך, ווערט אַלץ געדיכטער און פינצטערער און דערגרייכט צום סוף יענע חשכות, נאָך וועלכער עס קען שוין מער קיין טאָג נישט אויפקומען.

די טעמע גופא פון בוך באַגרענעצט אין אַ געוויסער מאָס די מעגלעכקייט פון מחבר ארויסצוהייבן די מאָמענטן פון יענער צייט, וועלכע האָבן שוין דעמלט געטראָגן אין זיך די קערנער, וואָס האָבן שפּעטער געמאַכט צוריק אויפשפּראָצן אַ נייִ יידיש לעבן. דער אויסוואַל פון דער דאָזיקער טעמע, ווי אַ ראם פאַר דעם גאַנצן גרויל - בילד פון יענער צייט, וועלכע שליסט אויס יעדע העלע דערמונטערנדיקע פאַרב און יעדע ווייטערע ליכטיקע פּערספּעקטיוו, איז, אין אַלגעמיין גענומען, באַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אַ באַשטימטער איינשטעלונג, וועלכע שטרעבט אויסצוטיילן און אָפּזונדערן דאָס יידישע אומגליק

פון אלע געשעענישן אין דער וועלבער צייט און פארשטויסן עס אין א בלינדן ווינקל, פונוואנען עס איז קיין אויסוועג שוין מער נישט פאראן.

הערץ בערגנער האט דעם אויסוואל פון דער טעמע געמאכט, ווארשיינלעך, ווי אן ערשטיקע אוממיטלבארע רעאקציע אויף א שוידערלעכן פאקט, וועלכן ער האט ערשט אין גאנג פון זיין קינסטלערישער רעאליזירונג דערהויבן צו א סימבאל.

דערמיט האט ער דעם אמת פון דער געשעעניש באגרע־נעצט צו דעם אמת פון אן עפיזאד. דאס גאנצע ארומפאסנדיקע בילד פון יענער צייט האט ביי אלע זיינע קאשמארפולע גרוילן פארמאגט מאמענטן פון גרויסער מענטשלעכקייט, וועלכע לאזן זיך נישט אריינגעמען אין די ראמען פון דער טעמע, גראד דערפאר, וואס זיי שטעלן אוועק דאס יידישע אומגליק אויף א פיל ברייטערער פלאך, וועלכע איז בשותפותדיק דער גאנצער מענטשהייט. די העלדישקייטן פון סאוויעטישן מענטשן האבן אנ־געפילט מיט גלויבן און מוט די הערצער פון די פארשטויסענע יידן אין די געטאס און לאגערן, און די אויפשטאנדן אין די געטאס האבן ווידער אויפגעעפנט פאר דעם יידן די גאנצע וועלט. דער היטלעריזם האט נישט בלויז דאס יידישע פאלק פאריאגט אויף א צעבראכענער שיף צווישן הימל און וואסער, אויב אפילו ער האט פון יידישן פאלק אנגעהויבן. זיין ציל איז געווען צו דערטרינקען און אומברענגען דעם מענטש.

דער דאזיקער טיפערער באנעם פון יידישן אומגליק דארף ווערן דער פאן פון יעדער ליטעראריש ווערק, וואס באהאנדלט די טעמע. אן אים איז די בעסטע קינסטלערישע רעאליזאציע פון א פראגמענט פון דעמאלטיקן לעבן אימשטאנד בלויז ארויסצו־הייבן א ברוכטייל פון בילד, אבער נישט דאס גאנצע ארומפאסנ־דיקע בילד, און במילא א ברוכטייל פון אמת, אבער נישט דעם גאנצן אמת.

היגשער די קינסטלעריש - רייפע און פסיכאָלאָגיש איבערציי‑גנדיקע בילדער, וועלכע עם שילדערט אונדז הערץ בערנגער אין זיין בוך „צווישן הימל און וואסער”, איז דער דאָזיקער אלגעמיינער פאָן, לייִדער, נישט פאַראַן. דערפאַר אָבער איז די געשעעניש גופא איבערגעגעבן אזוי בולט און אמתדיק, און עס אָטעמט פון איר מיט אזא טיפן מענטשלעכן טראגיזם, אז זי וועט אויף לאנג בלייבן, ווי א סימבאָל פון די יידישע ליידן אין יענער שוידערלעכער צייט.

בינעם העלער

בינעם העלער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראטור אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די יידישע יוגנט אין פוילן, אינערלעך צעווייגט פון די גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע חלומות און האָפענונגען פון נאָך דער ערשטער אימפעריאַליסטישער וועלט־מלחמה און טיף באַווירקט פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך געשטיקט אונטער דעם סאַנאַטאָרישן רעזשים פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רדיפות און באַגרענעצונגען. נישט בלויז דער יידישער ארבעטער, נאָר אויך דער יידישער מיטל־שיכט, וועלכער איז פון טאָג צו טאָג פאַראָרעמטער געוואָרן, האָט אָנגעהויבן איינזען די אינערלעכע שייכות צווישן זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג. שטימונגען פון בונט און מרידה קעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג, ווי אויך קעגן דעם פאַרשימלטן שטייגער פון הכנעהדיקע געוווינהייטן אינערהאַלב דעם יידישן לעבן גופא האָבן באַהערשט די מערהייט פון דער יידישער יוגנט אפילו פון מיטלשטאַנד.

דאָס קליינבירגערטום בכלל טראָגט א טראַגישן קעגנזאַץ אין זיין עצם מהות. דאָס איז דער קעגנזאַץ צווישן דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע, פון וועלכער עס איז באַהערשט, און דעם געשיכטלעך־נויטווענדיקן עקאָנאָמישן פּראָצעס, וואָס פירט אים אין ענדציל גראָד צום ארבעטער־קלאַס. ביי דעם יידישן קליינבירגערטום אינעם פאַרמלחמהדיקן פוילן, פונקט ווי אין אַנדערע בורזשואזע לענדער, איז נאָך צוגעקומען א ספּעציעלער מאָמענט, וועלכער האָט פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן קעגנזאַץ. דאָס איז געווען די סטאַבילע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, וועלכע האָט פון

איין זייט שטארק מיטגעווירקט, אז דער יידישער קליינבירגער זאָל נאָך מער ווי ביי אנדערע פעלקער ארונטערפאלן אונטער דער מאָראַלישער השפעה פון דער בורזשואַזיע און זאָל אַלע זיינע צוקונפט־חלומות אויסטראָגן אין דער ספערע פון די רעליגיעז־רעאקציאָנערע לערעס, וועלכע עס האָבן אים צוגעשטעלט די בורזשואַזע אידעאָלאָגן. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט די זעלבע נאציאָנאלע אונטערדריקונג געווירקט אויך טיף רעוואָלוציאָנירנדיק און אַרויסגערופן צייטנווייז ביי דער יידישער קליינבירגערלעכער יוגנט פיל מער ווי ביי אַנדערע פעלקער שטימונגען פון בונט און פראָטעסט.

דער דאָזיקער קעגנזאץ האָט דערפירט צו כסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער און צו טיפע אינערלעכע ראַנגלענישן אין נשמות פון יחידים.

בינעם העלער, ווי א קינד פון דעם שיכט, האָט דעם דאָזיקן טראגיזם נישט אויסגעמיטן. נאָך מער. ווי אן עכטע דיכטערישע נאטור, האָט ער דעם דאָזיקן טראגיזם איבערגעלעבט פיל טיפער און פיל אינטימער. אָבער זיין צילבאַוווסט באַקענען זיך צו דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון די סאָציאַלע געשעענישן און דערשיינונגען האָבן אים אָפּגעראַטעוועט פון צו ווערן פולשטענדיק באַהערשט פון דעם דאָזיקן טראַגיזם, ווי עס האָט פּאַסירט מיט פיל אַנדערע.

צוויי געפארן האָבן געלויערט אויף דעם דיכטערישן וועג פון העלערן. די געפאר פון פאראלגעמיינערונג, פון אויפהויבן דעם טראַגישן קאָנפליקט פון יידישן קליינבירגערטום צו אַן אַבסטראַקטער קאטעגאָריע, צו א וועלט־טראגיזם בכלל, וואָס האָט דערפירט פיל דיכטער פון דעם שיכט צו אייביקע פעסימיסטישע קלאָג־לידער און איכה־מעלאָדיעס סתם, און די צווייטע געפאר, אויך פון א פאראלגעמיינערונגס־כאראקטער, אָבער פון א פונקט פארקערטער זייט. דאָס איז די געפאר פון פולשטענדיקער נעגאציע פון דעם דאָזיקן טראגיזם און באלדיקן אריבערשפרינגען אהין, ווו העלער האָט באדארפט ערשט דיכטעריש דערגיין. אין ביידע פאלן וואָלט זיך באקומען דאָס אבסטראקטע ליד, דאָס ליד פון אויסער צייט און אָרט און במילא פאר קיין שום צייט און פאר קיין שום אָרט.

ביגעם העלער האָט אויסגעמיטן די דאָזיקע געפאַרן, אָדער בעסער געזאָגט: ער האָט זיי באזיגט. זיין ריכטיקע געזעלשאפטלעכע איינשטעלונג האָט אים פאַרהיט פון פאַרזינקען אין א וועלט = טראגיזם סתם, און זיין עכטע דיכטערישע איבערלעבונג פון יעדער דערשיינונג האָט אים נישט דערלאָזט אויסצוואָרצלען זיך פון זיין קינסטלערישן גרונט. די דאָזיקע פרוכטבארע פאַרייניקונג פון אידעאָלאָגישער ריכטיקייט און דיכטערישער אויפריכטיקייט האָט מיטגעווירקט דערצו, אַז העלערס ליד זאָל אָפּגעבן געטריי און קינסטלעריש די ארומיקע ווירקלעכקייט. דאָס איז דאָס איינגארטיקע פון העלערן, וואָס שטעלט אים אוועק אויף א גאָר באזונדער אָרט אין דער נייסטער יידישער דיכטונג.

שוין „אין אומרו פון טעג" איז די דאָזיקע אייגנשאפט פון העלערס שאפן געקומען צום פולן אויסדרוק.

דער טראגיזם פון די טאטעס, וואָס
„ווי קידוש = בעכער זענען פולע זייערע אויגן
מיט מוטנע טרערן, ווי מיט רויען צימוקים = ווין..."
און פון די מאמעס,
„וואָס טראָגן אויף אקסלען די קעפ,
ווי שווארצע וואָרגנעם אויף פלויטן און הארבסט".
און דער אומעט פון זייערע הייזער, וואָס
„זעלטן פארנעמען די ווענט א געשריי,
און אפילו ווען יאָ — איז עס אויבעט פון שרעק" —

שוין דאָרטן ווערט דער דאָזיקער טראַגיזם נישט פאַראלגעמיינערט, נישט אויפגעלעזט אין אבסטראקטן פעסימיזם, נאָר ער קלאַמערט זיך פעסט אין דער ווירקלעכקייט, אין צייטמעסיקן און ווערט פארוואנדלט דעריבער אין א פרוכטבארן קינסטלערישן עלעמענט, וועלכער העלפט = צו אויסלעבן אלטע שטימונגען און געוווינהייטן פון אַ גאַנצן שיכט און ווירקט מיט צו זיין ווייטערדיקער שטייגערונג און איינגלידערונג אין אלגעמיינעם פראָגרעסיוון לויף פון די געשעענישן.

ווי זאָגט דאָרט העלער אליין:
„איז מיר גוט אזוי גוט
פארבייגיין פארן ראַטוש
און פילן,

אז מיינע אקסלען
זענען טרעפּלעך
פאַר א דור,
וואָס קלעטערט,
קלעטערט,
ארויפצו —
צום טורעם
מיט פאָן
און מיט האָר,
געצוואָגענע
אין שטורעם".

נאָך בולטער קומט צום אויסדרוק אָט די דאָזיקע איינג־שאפט פון העלערס שאפן אין זיין פּאָעמע „אויפן ווינט". דער גאנצער פארלויף פון אָט דעם ראָמאן אין 18 לידער איז סיי לויט זיין פאָרם, סיי לויט זיין אינהאלט, אויסגעוועבט מיט צארטע ליב־טערישע טענער אויף דער קאנווע פון א גרויסער הארטער וואָר. נישטאָ קיין שום אידעאליזאציע פון דער ליבע אין סאמע אָנהויב פון איר אויפגאַנג און קיין שום פעסימיסטישער אויספיר סתם אין איר טראַגישן סוף. די ליבע פון דער אַרבעטנדיקער און אַרבעטס־לאָזער יוגנט ווערט דאָ געגעבן אזוי ווי זי זעט אוים באמת, א ליבע „אויפן שפּרונג", וואָס איר ראַנדע־ווו איז אַ דעמאָנסטראַ־ציע און איר בודואר — די גאַס.

דאָס איז אַ רירנדיקער טראַגישער דאָקומענט פון יענער אכזריותדיקער ווירקלעכקייט, וועלכער איז אונדז איבערגעגעבן מיט א סך דיכטערישער צארטקייט און דיסקרעטן ווייטיק, און דעריבער פארוואנדלט ער זיך נישט אין א געשריי, נאָר דער־הויבט זיך באמת צו א מין „שיר השירים" פון א געוויסן שיכט. העלערס שטילער ליריזם און איינגעהאַלטן געפיל דערגרייכט דאָ אַ דאָפלטן ציל: פארשטארקט די ווירקונג פון דער געשילדערטער שוידערלעכער וואָר אויף דעם לייענער און גלייכצייטיק איז ער די דאָזיקע וואָר קינסטלעריש גובר.

די טיפסטע איבערלעבונגען ווערן אין דער פּאָעמע איבער־געגעבן מיט א רירנדיקער פשטות:

„האָט איינמאָל מיין מיידל געזאָגט:
— כ'האָב היינט נישט געהאַט נאָך אין מויל.
און ווייטער שוין האָט זי געשוויגן.
נאָר געוואָרן איז פול מיין געהער
מיט אַ שאַרפן, אַ פּיינלעכן ניגון.“

די שטרעבונג צו פשטות און קלאָרקייט, די אָנשטרענגונג אַרויסצוברענגען אַ וואָס שטאַרקער געפיל אין וואָס מער פשוטערע ווערטער, די זאָרג צו פאַרבינדן תמיד די סוביעקטיווע איינשטעלונג לגבי דער ווירקלעכקייט מיט דער קינסטלערישער עכטער אויפריכטיקייט, דאָס אַלץ איז פון דער ערשטער מינוט געוואָרן אַ וועזנטלעכער שטריך פון העלערס ליד, אָבער דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט ספּעציעל זיין ביזאיצטיקן שאַפן, דאָס וואָס טיילט אים אויס פון דער גאַנצער פּלעיאַדע דיכטער, וועלכע ציען זייער קינסטלערישע יניקה פון די זעלבע קוואַלן, איז זיין אָפּווענדן זיך פון יעדער אַבסטראַקציע, פון וואָס פאַר אַ זייט זי זאָל נישט קומען, און זיין קינסטלערישע עקשנות צו באַזינגען ריין דיכטעריש די פּיין און דעם טראַגישן גוראַל פון זיין שיכט, וואָס איז דורך דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער פייער-ליניע פון צוויי קאַמפס-לאַגערן.

דאָס צונויפפאַלן זיך פון די פּראָגרעסיוו-בונטאַרישע באַפרייערישע שטימונגען פון דער צייט מיט די פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון דיכטער, האָט דעם העלערישן ליד צוגעגעבן די קראַפט פון אומיטלבאַרער דירעקטער באַווירקונג און פון ספּאָנטאַנעם אמת. העלערס ליד איז געוואָרן דער עמאָציאָנעלער אויסדרוק פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער יידישער יוגנט אין פּוילן, האָט ווי אַ ציטערדיקער, נאָר קלאָרער פלאַם זיך צעפלאַקערט נאָענט און היימיש איבער דער גראָער וואָר און געוועקט יוגנטלעכע הערצער צו איידעלע רעוואָלוציאָנערע טאַטן.

שווער אונטערצושיידן, ווו ענדיקט זיך אין העלערס דיכטונג דאָס אינדיווידועלע, די אייגענע איבערלעבונג און דאָס אייגענע געפיל, און ווו הויבט זיך אָן דאָס אַלגעמיינע, די איבערלעבונגען און געפילן פון כלל. ווי ביי יעדן באמת פאָלקישן דיכטער, זיינען אויך ביי העלערן די דאָזיקע צוויי מאָמענטן ענג צונויפגעוואַקסן און בילדן איין גאַנצעס. דאָס הויבט אַרויס די מערהייט פון העלערס לידער, ווי אינדיווידועל און אפילו פּערזענלעך עס זאָל

נישט זיין זייער ערשטע אָנרעגונג, צו דער הויך פון אַ פּאַראַלנעמיגערט בילד, צו אַ נעשעעניש פון נאַציאָנאַלן באַדייט. אין דעם שטעקט אויך דער סוד פון העלערס אָפּטימיסטישער אין תוך גענומען וועלט-אַנשויונג.

יעדע דערשיינונג טראָגט אַריין אין דער טונקעלער ספערע פון פּעסימיזם, פון אויסוועגלאָזיקייט און האָפענונגסלאָזיקייט, ווען זי רייסט זיך אָפּ פון איר שורש, ווען זי טיילט זיך אָפּ פון איר איינגעשטעלטן קרייז, ווי אַ רינג פון אַ קייט. ווען אפילו אַ טויטער קעגנשטאַנד, וואָס האָט זיך איינגעפּאַסט אין אַ געוויסער סביבה, אַריינגעוואַקסן אין אַ געוויסן סטיל, זאָל זיך פּלוצים געפונען אין אַ פרעמדער נישט צוגעוווינטער פאַר אים ביז איצט אַרומרינגלונג, וועט ער אויך אויסשטראַלן פון זיך אַ געוויסע שטימונג פון מרה-שחורה און יאוש. שוין אָפּגערעדט פון אַ לעבעדיק וועזן, ווען עס ווערט אויסגעפלאַנצט פון זיין באָדן און סביבה —

ווייל פּעסימיזם איז אַבסטראַקציע, אָפּגעריסנקייט פון אַרום, פאַרלוירנקייט אין זיך אַליין, דאַן ווען אָפּטימיזם איז קאָנקרעטקייט, צוגעוואַקסנקייט צו אַן אַלגעמיינעם באָדן.

און העלערס ליד איז צוגעוואַקסן צו טיפע וואָרצלען, קומט אויף פון אַ שטאַם, וואָס ווי אַרומגעשניטן ער זאָל נישט זיין, שלאָגן אין אים לעבעדיקע זאַפטן. דאָס איז דער יידישער פאָלקסמענטש, די פשוטע אַרבעטנדיקע יידישע מאַסע, וואָס די גרעסטע פּיין און יסורים האָבן נישט געקענט אויסלעשן אינגאַנצן איר בטחון און גלויבן אין מענטשלעכער גערעכטיקייט. דעריבער ווי טרויעריק, ווי אָנגעפּולט מיט צער און צאָרן עס זאָלן נישט זיין העלערס לעצטע לידער פון דעם אומקום און חורבן פון זיין פאָלק, גייט דאָך אויף פון זיי אַ גרויס אָפּטימיסטיש געפיל, און פון דעם טיפסטן ווייטיק, וואָס זיי דרוקן אויס, פון דעם פינצטערסטן תהום, פון וועלכן זיי גייען אויף, פירט דאָך אַ וועג צו אַ ליכטיקערן שטח פון טרייסט און האָפענונג. דער דאָזיקער וועג איז ביי העלערן נישט קיין געקינסטלטער, נישט קיין אָנגעוואָרפענער פון דרויסן, נאָר אַ טיף אָרגאַנישער. ער וואַקסט אַרויס אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן פון זיין צער און צאָרן, נאָך מער, וואָס שטאַרקער דער דאָזיקער צער און צאָרן, אַלס בולטער, אַלס קלאָרער איז דער דאָזיקער וועג:

„איין כוואליע איז שרעק און די אנדערע — שוידער,
און ביידע זיי גייען מיין רוקן אריבער
און פירן מיר אָפּ צו די וויסטע קאָשמאַרן.
איך לויף צווישן תּליות, פון ווינטן געהוידעט,
איך פאַל איבער פרישע פאַרשאָטענע גריבער,
און אָט — איך געפין זיך אין לאנד פון געפאַרן.
כ׳בין דאָ — און געגוג איז דאָס רואיקע וואַרטן!
מייו שפראך איז א וואלד מיט געצונדענע שטאמען,
מיין דמיון — א רוים מיט פארלוירענע שטערן.
זאָל זיין, אז מיט פלאמען איז דער רוים א פארשפּארטער —
מיט פלאם וועל איך פּרוּוון אדורכגיין דורך פלאמען, —
דורך רויך וועט מען זען מיך, דורך אומקום דערהערן!
(פון לידער־בוך „דורך שאָטן און שיין“ ז. 104)

אָדער:
„די ברידער פארטיליקט, פארשניטן די מאמע —
א שטיק פון מיין לעבן — אין טויט.
נאָר וויים, נישט אומזיסט האָט מיין האנט זיך געקלאמערט
צו ערד און צו פאָן, וואָס איז רויט!
מיר איז דאָ, צום לעצט, אן אָנהויב געגעבן.
מיין שטאָם וועל איך בלייבן געטריי:
כ׳וועל אויפברענגען צוריק צו דעם ליכט און צום לעבן
דאָס אלץ, וואָס איז בלוטיק פארביי“ —
(דאָרט זייט 125)

ענלעכע ביישפּילן פון העלערס לעצטע לידער וואָלט מען גע־קענט ברענגען אין די צענדליקער.

דער אָפּגרונט, וועלכער האָט זיך געעפנט פאר יעדן יידיש הארץ אין די יאָרן פון אומקום, אן אָפּגרונט, אין וועלכן עס בלאָנ־קעט זיך נאָך אלץ ארום דאָס עלנטע יידישע וואָרט און קאָן קיין תּיקון נישט געפונען, האָט גורם געווען צו דער פארשארפונג און פארטיפונג פון נאציאָנאלן געפיל ביי פיל יידישע דיכטער. ביי אייניקע האָט עס אפילו דערפירט צו א נאציאָנאלער איינזייטי־קייט און באַגרענעצטקייט, צו דער אויבערפלעכלעכקייט פון נאַ־ציאָנאַליסטישע און אפילו שאָוויניסטישע שטימונגען. אויך ביי העַ־לערן אין זיינע לעצטע לידער, איז געוואָרן פיל וואַכער און

פארטיפֿטער דאָס נאציאָנאַלע געפֿיל, און דאָס פֿאָלקס - אומגליק גייט אום ווי אַ גלאָזיקע שאַרף אין זיין בלוט. פֿאַראַן לידער ביי העלערן, וואָס לויט זייער אוממיטלבאַרן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלן וויטיק און עלנט, לויט זייער דיכטערישן צמצום און וויזיאָנעלער בילדערישקייט, לויט זייער טיפֿן מענטשלעכן פּראָטעסט — זיינען זיי איינציק אין דער יידישער ליטעראַטור.

אזא איז דאָס ליד „אויף א באנק“:

„אינמיטן פֿון רעש און גרויסשטאָטישן ריח\
אַ ייִד אויף אַ באַנק ליגט, ווי אויף אַ מזבח.\
די ליפּן פארדארטע, מיט דורשטיקע ציינער —\
אינמיטן דער רוישיקער שטאָט איז ער איינער.

נישט יצחק, דער זון, איז דאָס פֿון דער עקדה —\
ניין, ס'ליגט דאָ אברהם אליין איצט, דער זיידע,\
בלויז עלטער מיט עטלעכע טויזנטער יאָרן —\
ווי, וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן!“

„(דורך שאָטן און שיין“ ז. 137)

אַזאַ איז דאָס ליד „אַזוי גייען יידן צוריק אין אייראָפּע“, „אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן“ און פֿיל אַנדערע. אָבער די פּאַרטיפּטקייט פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל ביי העלערן פֿירט נישט צו קיין ענגן אָפּגעשלאָסענעם קרייז, נאָר פֿאַרקערט, צו ברייטערע שטחים, צו יענער איידעלער און גרויסער אידעע פֿון סאָציאַלער באַפֿרייונג, ווו דאָס אמת נאציאָנאַלע הערט אויף צו זיין דער קעגנזאַץ פֿון א צווייטן נאציאָנאַלן, נאָר א באַשטאַנדטייל פֿון איין דערהויבענער מענטשלעכקייט:

„קינד מיינס!\
פֿון דיין פּיצעלע האַנט,\
פֿון דיינע טריטעלעך קליין —\
איך לאָז זיך איצט פֿירן\
צום ווייטן לאַנד,\
צום לאַנד אָן געוויין“.

(דורך שאָטן און שיין“ ז. 145)

אָדער:
פאָרוים, פאָרוים די גאס האָט אונדז געטראָגן.
וואוהין? מסתמא צו דער העכסטער פרייד.
ווען איך האָב עפּעס שטילס געפרווט דיר זאָגן,
האָט אונז מיט אייפער דער המון צעשיידט...
איז גוט. מיר דאַרפן אַלעמען געהערן.
צו גרויס דאָס גליק, עס זאָל בלויז אונדזערס זיין.
מיט מאָסקווע גייען מיר צום רויטן שטערן"

(דאָרט ז. 169)

דער דאָזיקער וועג „צום לאַנג אָן געוויין", „צו דער העכס־טער פרייד" פון „אַלעמען געהערן", כדי מאַקע צו בלייבן טריי דעם אייגענעם שטאָם" און

„אויפברענגען צוריק צו דעם ליכט און צום לעבן,
דאָס אַלץ, וואָס איז בלוטיק פאַרבײַ" —

דער דאָזיקער וועג איז נישט קיין נייער אין העלערס דיכ־טונג. דעם וועג האָט העלער באַטרעטן פון זיין ערשטן דיכטערישן גאַנג. די גרויליקע פּערזענלעכע און אַלגעמיינע איבערלעבונגען האָבן דעם דאָזיקן וועג בלויז נאָך מער ארויסגעהויבן און באַ־זיניקט אין דער קלאָרער שיין פון דיכטערישער דערקענונג, ווי דעם איינציק ריכטיקן, וואָס פירט צו דער דערלייזונג פון מענטש און פאָלק.

פאַראַן דיכטער, ביי וועלכע די איינטענסיווקייט פון ערשטיקן געפיל לעשט זיך בהדרגהדיק אויס אין דער קילער אַטמאָספער פון צוגעקליבענע ווערטער און אויסגעמאָסטענע שורות און די אור־קראַפט פון דעם דאָזיקן געפיל לעזט זיך אויף אין דעם לעבלעבן קלימאַט פון עסטעטישע פּרינציפּן און אויסערלעכע פאָרמען.

פאַראַן אויך אַנדערע דיכטער, ביי וועלכע די פרישקייט פון דער ערשטיקער איבערלעבונג ווערט אין אימפּעטיקן פּראָצעס פון רעאַליזירן צוגעדעמפּט מיט א לאַווע פון גליאיקע פּאַטעטישע ווערטער און היפּערבאָלישע פאַרגלייכונגען, אָדער דער צאַרטער נס פון ערשטיקן דיכטערישן אויפשפּראָץ ווערט פאַרשטעלט דורך א וואַלד פון פאַרפלאָנטערטער בילדערישקייט.

אין בינעם העלערס ליד וויברירט דער אָנהייב - געפיל פון זיין ערשטער דיכטערישער אָנרעגונג מיט אזא פולקייט, אז ער שלאָגט דורך דעם חומר פון וואָרט ווי א הייסער שטראָם בלוט.

אין זיין בוך „דורך שאָטן און שיין“ זאָגט העלער:

„פאַראַנען ביי יעדן אַ ליד,
וואָס גייט דורך זיין לעבן, ווי בלוט,
ווי ריטם פון אייגענע טריט —
פאַראַן אזא ליד“.

זיכער איז ביי יעדן פאראַן אזא ליד, אָבער ביי העלערן זייגען אזעלכע לידער פאראַנען א סך.

דאָס שאַפט די אוממיטלבארע דירעקטע באַווירקונג פון העלערס וואָרט נאָך איידער מיר באַנעמען אפילו שכלדיק זיין אייגנטלעכן זין. אין העלערס וואָרט גלויבן מיר, ווייל ער אליין גלויבט אין דעם. דער גלויבן פון דיכטער אין זיין אייגן וואָרט איז דער רוח-החיים פון יעדן קינסטלערישן ווערק, דער וועזנטלעכער מעסטער פון יעדער עכטער קונסט, די שייד - ליניע צווישן אמתער און פאלשער נבואה. נאָר דעמאָלט ווען דאָס דיכטערישע וואָרט איז ארומגענומען פון שעפער אליין מיט אויפריכטיקן גלויבן און אחריות, איז עס אומשטאַנד אָנצוצינדן הערצער מיט אן אייביקן פלאַם, און נישט בלויז, ווי קינסטלעכע פייערווערק, א בלענד טאָן פארן אויג און פארשווינדן.

אָבער דער דאָזיקער גלויבן פון העלערן אין זיין אייגן וואָרט, פונקט ווי אונדזער גלויבן אין דעם, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט א העלכער ס'איז מיסטישער קראַפט. אויפריכטיקער, אומדערשיטערלעך גלויבן קומט אויף בלויז פון אַזאַ דיכטונג, וואָס איר אינהאַלט וואַקסט ארויס פון קאָנקרעטע איבערלעבונגען, אנטשפרעכט ווירקלעכע פארהעלטענישן פון לעבן און ענטפערט אויף די וועזנטלעכסטע אינטערעסן און פאָדערונגען פון דעם ציבור, פאר וועלכן זי איז באַשטימט.

און אזא איז העלערס דיכטונג. אפילו דאָרט ווו זי איז טיף פערזענלעך און אינדיווידועל, איז זי אויך אויף דעם אינטימסטן אופן פארבונדן מיט דער צייט, מיט קאָנקרעטע און כאראַקטעריסטישע געשעענישן און מיט איבערלעבונגען און האָפענונגען, וועלכע זייגען טיפיש פארן גאַנצן כלל. פונדאַנגען איר איבערצייגנוו-

דיקע קינסטלערישע קראַפט, פּונראַנגען אויך איר נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעך-פּראָגרעסיווע ראָל.

העלערס דיכטונג זינגט אויס דעם חייטיק פון א פאָלק, זיינע שווערע איבערלעבטע געראנגלען און שווידערלעך-טראַגישע איבערלעבונגען, אָבער גלייכצייטיק אויך זיין מוטיקן קאַמף פאַר א בעסערן און שענערן מאָרגן און זיין טיפן גלויבן אין דעם דאָזיקן מאָרגן.

אין דעם דאָזיקן באַהעפט קומט אויף דער קאָנקרעטער אמת פון העלערס דיכטונג, איר טיפע נאַציאָנאַלע פאָרם און אַלמענטש-לעכער אינהאַלט, קומט אויף איר ספּעציפיש-קינסטלערישער איינגאַרט אין דער גייסטער יידישער ליטעראַטור.

דער וועג פון חיים גראַדע

יעדע אמתע דיכטונג שאַפט אַרום זיך אַ שטימונגס־אַטמאָספער, וועלכע באַווירקט דעם לייענער און טראָגט אים אַריבער אין אַ באַשטימטן געמיטס־צושטאַנד. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַזאַ דיכטונג, וואָס שאַפט נאָך עפּעס מער, שאַפט אַ באַשטימטן קלימאַט.

א געמיטס־צושטאַנד, ווי אַ סוביעקטיווע שטימונג, איז פאַרגענגלעך. נאָך אַ קלענערן אָדער גרעסערן צייט־אָפּשניט וועפּט ער זיך אויס, און דער באַווירקטער אָביעקט קערט זיך צוריק אום צו זיין פריערדיקן „נאָרמאַלן" צושטאַנד. קלימאַט — דאָס איז שוין אַן אָביעקטיווע אַנדערשקייט פון באַשטימטע דערשיינונגען. ער דויערט לאַנג און אָפטמאָל איז ער אפילו עלול אויף שטענדיק איינצוהאַלטן דעם, וואָס איז אריינגעטרעטן אין די גרענעצן פון זיין באַווירקונג.

אין זיין ערשטן אָנהויב האָט גראַדעס וואָרט אַרויסגעשטראַלט פון זיך אַ ספּעציעלע טעמפּעראַטור פון אינערלעכער אָנגעגליטקייט, און וואָס מער און געדיכטער דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אָנגעהויבן באַוואַקסן זיין דיכטערישן שטאַם, אַלץ מער האָט די דאָזיקע טעמפּעראַטור זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ ספּעציעלן קלימאַט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם דאָזיקן קלימאַט איז באַשטאַנען נישט בלויז אין דעם, וואָס זיין גליאיקע אַטמאָספער איז געקומען פון דעם צוזאַמענשטויס פון קעגנזעצלעכע טיפע ליידנשאַפטן, נאָר בעיקר, וואָס די דאָזיקע ליידנשאַפטן האָבן געוואָרצלט אין טיפע איבערלעבונגען פון פאָלק און זיינען געווען דער אויסדרוק פון זיינע אינערלעכע גראַנגלען.

עס איז פֿאַראַן אַ געוויסער אונטערשיד צווישן אַ פֿאָלקס־דיכטער און אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. דער פֿאָלקס־דיכטער ברענגט אַרויס אין זיין ליד די טאָג־טעגלעכע קאָנקרעטע איבערלעבונגען פֿון זיין פֿאָלק. ער טראָגט אים טרייסט און שטאַרקונג אין זיינע אַנטוישונגען און ליידן און באַזינגט זיינע האָפֿענונגען און פֿריידן. ווען דאָס פֿאָלק קעמפֿט, דאַן גייט דאָס ליד פֿון פֿאָלקס־דיכטער אין איין ריי מיטן פֿאָלק. דער נאַציאָנאַלער דיכטער ווידער, אַרויסהייבנדיק די עיקרדיקע געשעענישן און דערשיינונגען אין לעבן פֿון זיין פֿאָלק, באַמיט זיך מערסטנטייל אויסצוגעפֿינען די הויפּט־סיבות פֿון זייערע טרויעריקע, אָדער פֿריידיקע איבערלעבונגען, זייער אַלגעמיינע פֿאָרם, און דורך דעם זיי געבן אַ קינסטלערישן תיקון און אינערלעכן זין. דער נאַציאָנאַלער דיכטער גייט דעריבער בדרך־כלל פֿאָרויס די קאַמפֿן פֿון זיין פֿאָלק, איז זייער פֿאָרויסזאָגער און באַגייסטערער.

אין אַ גאַנצע ריי שאַפֿונגען פֿון גראַדען קומען אויף בולטע סמנים פֿון אַזאַ אַרט נאַציאָנאַלער דיכטונג. גראַדע הייבט אַרויס אין זיי פּראָבלעמען פֿון אַלגעמיין נאַציאָנאַלן באַדייט, פּראָבלעמען, אין וועלכע עס קומען אויף הויפּט־סיבות, אָדער סך־הכּלען פֿון פֿאַרשידענע איבערלעבונגען פֿון יחידים אַלס אָנגעהעריקע צו אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו. ער באַמיט זיך דאָס וואָרט זיינס אַרויסהייבן פֿון קוואַל, פֿון אָנהויב פֿון באַשטימטע געשעענישן, אָדער צו דעם דאָזיקן קוואַל עס דערפֿירן. ער באַמיט זיך אויך אַריבערשפּאַנען די עמפּירישע ראַם פֿון די געשעענישן, צו פֿאַרטיפֿן זיך אין זייער וועזנטלעכן און כאַראַקטעריסטישן תוך, כדי אַרויסצובאַקומען פֿון דאָרט דאָס אַלגעמיינע בילד, וואָס איז כּולל אין זיך אַ גאַנצע ריי פֿון ענלעכע געשעענישן, דערביי ווייזט גראַדע אַרויס אַ סך דיכטערישע דריסטקייט און רייכע וויזיאָנערישע מעגלעכקייטן.

דאָס איינציקע, וואָס האָט דאָך גראַדען געשטערט צוצוקומען צו דער סיבה פֿון אַלע סיבות, צו דערשלאָגן זיך צו דער פֿולקאָמער דיכטערישער דערקענטעניש, און במילא צו דער ליכטיקער הויך פֿון יענער עכטער נאַציאָנאַלער דיכטונג, וועלכע איז נישט קיין קעגנזאַץ צו דער אַלמענטשלעכער, נאָר אַן אינטעגראַלער טייל אירער — איז געווען דער מאַנגל פֿון אַ קלאָרער אויסגעשפּראָכענער וועלט־אָנשויונג. אין די אומקלאָרקייטן און פֿאַרנעפּלטקייטן, מיט וועלכע דאָס אַרומיקע לעבן האָט גראַדען אויסגעזען צו זיין באַ־

שטעלט, אין די נעצן פון גוטס און שלעכטס, פון דערהויבנקייט און מענטשלעכער געפאַלנקייט, פון איידעלע טאַטן און חיהשע רציחות, האָט זיין ליד זיך פאַרפלאָנטערט און געריסן, ווי אַ בלינדע פאַרוווּנדעטע חיה, צו אַ פרייען און לויטערן שטח. אָבער גראַדעם גאַנצע דערציונג, זיין אומקלאָרער וועלט־באַנעם, דער געמיש פון אַלטע בענקשאַפטן און נייע אידייען, האָבן אַלע וועגן צונויפגענאָסן פאַר זיין בליק, סיי די, וואָס פירן פאָרויס צו ליכט און פרייהייט, סיי די, וואָס פירן צוריק צו פאַרנעפּלטקייטן פון פאַרגאַנגענע טעג. פאַר גראַדעם דיכטונג איז דעריבער געוואָרן מער כאַראַקטעריסטיש די ספּאָנטאַנע בונטאַרישקייט, איידער ווי דער צילבאַוווּסטער קאַמף, און איר בריענדיקער פלאַם איז געקומען מער פון אינערלעכן געראַנגל, אָדער פון געראַנגל מיטן גורל, איידער ווי מיט אַ באַשטימטער אויסגעקלאָרטער קעגנערישער אידיי. אַזאַ אַרט ספּאָנטאַנע בונטאַרישקייט גראַוויטירט גיכער צו קליינבירגערלעכן אַנאַרכיזם, איידער ווי צו אַ קלאָרער און לויטערער וועלט־וויזיע וועגן דער אַבסאָלוטער באַפרייונג פון מענטש, און איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונגס־וועג איז מערסטנטייל איינגעהילט אין נעפּל פון אומשטענדן און צופעליקייטן.

אָבער גראַדעם וואָרט איז זייער אָפט געווען פון אַזאַ קראַפט און פון אַזאַ הויכער טעמפּעראַטור, אַז ס'איז אין דעם צעשמאָלצן געוואָרן יעדער אינדיווידועלער מאָמענט און ס'איז אויפגעקומען ווי דער אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן בונט און מרידה בכלל. דאָס האָט גראַדעם ליד צוגעגעבן אַזאַ וואָג, אַז ס'האָט אָנגעהויבן באַווירקן נישט בלויז אויף אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט, נאָר אויך אַרויסגערופן אַן אַנדערשדיקע עמאָציאָנעלע איינשטעלונג ביים צוהערער אָדער לייענער אויף אַ לענגערע צייט.

אין פיל פון זיינע לידער און פּאָעמעס האָט גראַדען זיך איינגעגעבן אויפצוהייבן זיין טעמע צו אַ פּאַראַלגעמיינערט בילד פון נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער הויך. דערביי זיינען די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט, געווען פון אָנשוילעכער בילדלעכקייט, וועלכע האָט דערמעגלעכט זיין געדאַנק, וואָס פלאַטערט אָפט אין דער פּאַטעטישער אַטמאָספער פון אַבסטראַקטע פּראָבלעמען, זיך דערנענטערן נישט בלויז צו אונדזער פאַרשטאַנד, נאָר אויך צו אונדזער פאָרשטעלונג.

די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן פון גראַדעס דיכטערישן טעמפּעראַמענט זיינען אויף דעם ערשטן עטאַפּ פון זיין שאַפן (אין לידער-בוך „יאָ“ און אין דער פּאָעמע „מוסרניקעס“) געקומען צום אויסדרוק אין בליציקע זיגזאַגן, רייסנדיק זיך צייטנווייז צו די העכסטע הויכן פון לויטערן פאַרשטיין, און צייטנווייז אַראָפּפּאַלנדיק צו די טאָליקע געפילן פון בלינדער גורלדיקייט.

דאָס ווײלן אין ראַטנפאַרבאַנד אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה איז פאַר חיים גראַדעס דיכטונג געווען פון קאַלאָסאַלן באַדייט. די ראַטנפאַרבאַנדישע ווירקלעכקייט אין דער צייט פון דער מלחמה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָנגעשטרענגטער מי און אַרבעט און גלייכצייטיק אויך מיט אויסערלעכער און אינערלעכער באַהערשטקייט, געצווימקייט און ווירדיקער רואיקייט און זיכערקייט, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אײַנהאַלטלעכער און פאָרמלעכער געשטאַלטיקונג פון גראַדעס דיכטערישע איבערלעבונגען. די רעאַקציע פון גראַדעס ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט אויף די אַלע גרוילן פון יענער זייט פראָנט האָט דורכגעמאַכט אַ טיפע קינסטלערישע לייטערונג. דער טיפער ווייטיק פאַסט זיך אַריין אין דער אַטמאָספער פון אַלגעמיינער באַהערשונג, אין ראַמען פון קינסטלערישער וואָג און מאָס, באַקומט אַ דיכטערישן תיקון דורך אַ וויזיאָנעלער רייכער בילדערישקייט. דאָס ערשטיקע געפיל, די פרישקייט און אוממיטלבאַרקייט פון ערשטיקן באַנעמען, ווערן דערפון נישט ווייטער און אָפּגעקילטער. פאַרקערט, די שורות ווערן נאָך מער אָנגעלאָדן און געשפּאַנט, און די דאָזיקע אָנלאָדונג און שפּאַנונג גיבן זיך איבער פון שורה צו שורה און פון ליד צו ליד אין אַ געשטייגערטער פאָרם.

אין קיין שום גראַדעס פריערדיקע ווערק גייט נישט אויף אַזוי בולט און קלאָר און מיט אַזאַ טיפער, ווייטיקלעכער איבערצייגונג די פאַרערונג פאַר דעם מענטש, די ליבע צו אים און דער גלויבן אין אים, אין קיין שום פריערדיקער שאַפונג זיינער גייט נישט אויף אַזוי שאַרף און שניידיק דער דראַנג נאָך אמת, ווערט נישט אַזוי ליכטיק און צילבאַוווסט באַזיניקט זיין שליחות אַלס דיכטער, ווי גראָד אין די, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אויף דער סאָוועטישער ערד.

אין די לידער און פּאָעמען פון „האַס“ פון „פּליטים“ און פון „אויף חורבות“ קומען זיך אָט די אַלע נייע אייגנשאַפטן פון גראַדעס

דיכטונג צוגויף און שאַפן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט, שאַפן דאָס מוסטערהאַפטע ליד, אַ דאַנק דער פאַרטיפונג און דערהויבונג פון די וויטיקלעכע מענטשלעכע איבערלעבונגען, געצווימטער קלאָרער פאָרם, פארענגדיקטער קאָמפּאָזיציע און קאָנקרעטער בילדערישקייט. די געדאַנקלעך-אסאָציאַטיווע פאַרפלאָנטערטקייטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געצאַפּלט גראַדעס שטורעמדיק געפיל זייער אָפט און זיינע פריערדיקע לידער, און נישט געפונען קיין אויסוועג, פארשווינדן איצט. דאָס געפיל גייט אויף פשוט, קלאָר און נאַטירלעך און דערמיט אויך קינסטלעריש און אינהאַלטלעך גאַנצער און פאַרטיפטער.

דעם דיכטערס האַרץ איז פול מיט ווייטיק פון גרויסן פאָלקס-אומגליק. אין זיין פאָרשטעלונג גייט אויף פון די חורבות איין בילד שרעקלעכער פון צווייטן. אָט הערט ער נאָך „די קולות ציטערן, ווי אָפּגלאַנצן פון פלאַמען“, אָט זעט ער גאַנצע מחנות שאָטנס פון אומגעקומענע, באַליבטע געשטאַלטן — פון אומעטום גלאָצן אויף אים פאַרשטאַרטע שוואַרצאַפּלען:

„און סווייגט זיין האַרץ, אָ, ווער האָט מיך צוריקגעטריבן,
אַז פון אַ גאַנץ פאָלק — די שטומקייט בלויז געבליבן?
און זיינען אַלע טויט — ווו זיינען כאָטש די גריבער?
אַ מוילוואָרף לאָזט דאָך אויך אין פעלד אַ בערגל איבער!
(„אויף די חורבות“ ז. 6)

אין דער הויכער טעמפּעראַטור פון די דאָזיקע איכה-לידער קומען אויף צעגליטע אויך פּראָבלעמען פון אויסערלעכע באַציונגען צווישן ייד און נישט-ייד, פון אינערלעכע באַציונגען צווישן געוויסע קאַטעגאָריעס יידן לגבי זייער אייגן פאָלק, פּראָבלעמען פון זעלבסט-פאַרלייקענונג, פון מאַסנווייזן גאַנג צום טויט אָן ווידערשטאַנד, פון צוריקקערן צו די וואָרצלען פון פאָלק און אַנדערע.

אָבער אונטער דער השפּעה פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט מיט איר דערהויבענער און טיף-מענטשלעכער באַזיגיקונג פון יעדער געשעעניש איז דער צער און ווייטיק פון דיכטער. ווי בולט און בילדעריש ער זאָל נישט אויפגיין, דאָך נישט פעסימיסטיש.

שוין די קראַפט אליין, מיט וועלכער גראַדע דריקט אויס דעם דאָזיקן צער און ווייטיק, איז דער בעסטער באַווייז פון דעם לעבנס-דראַנג, וואָס ברויזט דאַן אין אים. אָבער אויסער דעם זיינען די טוג-

קעלע נעדיכטע איכה־פערזן אַלעמאָל דורכגעלויכטן פון העלערע פריידיקע קאָלירן:

„נאָר ס'האָט דיין פּאָטער אויפגיין דיך דערזען — זיין מולד...
און ווי אַ מיל־שטיין האָט ער שטייגיק שווער זיין גומען
אַ דריי געטאָן: עס לעבט מיין זון — ער וועט נאָך קומען!

(דאָרט זייט 9)

אָדער:

„— — — איך וועל אַריבערהיפּן
די יאָרן גרויל, ווי איינגעבראָכענע געשטיגן,
און וועקן אָנהייבן פונסניי דעם אַלטן ניגון.
און די, וואָס ליגן נאָך אין אַש צונויפגעבייגלט,
וועל איך אַריבער פליען ווי דער ערשטער פויגל,
וואָס פלאַטערט צו זיין נעסט — צום רויש פון גרינע וועלדער,
און זאָרגט נישט, וואָס עס טייעט נאָך דער שניי אויף פעלדער, —
פאַר מיר איז פרילינג שוין... און טעג שוין זיינע קלאָרע,
די פרייד, זי שפּאַרט פון מיר, ווי זאַפט פון אונטער קאָרע;
אַ קראַנקע צווייג אַן אָפּגעדאַרטע איז דער נעכטן,
וועל איך זיך בלויז מיט יונגע פרייד־טעג איבערפלעכטן,
ווי איבער תהומען פלעכטן זיך צוזאַמען צווייגן,
אַ הילף דעם קלעטערער, וואָס וויל צום באַרג־שפּיץ שטייגן...

(דאָרט זייט 23)

צי איז אַ יידישער דיכטער אין די דאָזיקע יאָרן פון גרויל און אומקום אימשטאַנד געווען אין אַן אַנדער ווירקלעכקייט, אויסער דער סאָוויעטישער, זיך אַרויסצוהויבן פון אונטער דעם שווערן און פינצטערן באַרג פון ווייטיק און צער צו אַזעלכע לויטערע הויכן פון גלויבן אין ווייטערדיקן קיום פון זיין פאָלק? צי זיינען נאָך פיל אפילו איצט אומשטאַנד דאָס צו טאָן?

אָבער נישט בלויז טיפער ווייטיק און גלייכצייטיק אומדערשי־טערלעכער גלויבן אין פאָלק קומען אויף אין גראַדעם לידער פון סאָוויעטישן פעריאָד מיט אַזאַ אויסדריקלעכער איינהאַלטלעכער קלאָרקייט און קינסטלערישער פלאַסטישקייט, נאָר אויך גלויבן אין מענטש בכלל און טיפע אחריות פאַרן איינציגעם וואָרט:

„משוגע בין איך פון מיין ליבשאַפט צום מענטש — — —
מיין האַרץ גייט אים בלינד נאָך און בענטשט“ — — —
(„פּליטים“ ז. 65)

„דער מענטש איז מיין בענקשאַפט, פאַרצוויבערט
הערט ער מיין געזאַנג“
(דאָרט ז. 68)

אָדער:
„מיין אמת... אים שרעקן נישט קיין פּיין און אַליין זיין,
אים שרעקט בלויז צו זיין נישט פאַרענדיקט —
ער וויל ווי אַ בליץ אַזוי גרויזאַם און ריין זיין“
(דאָרט ז. 82)

„דער וואָס פון וואָרט האָט געקלעפּט בלויז אַ בילד,
געווען איז אַזוי מיר דערווידער — — —
זיין וואָרט טראָגט ער אום, ווי אַן אָפּגאָט פון ליים,
און איך האָב געטראָגן אין זיך עס.
ווי אייבער טוט אוים אַ צעריסענע קלייד,
איך שייל זיך איצט אוים פון מיין נאָמען,
און נאַקעט איך טראָג מיין ירושה פון פרייד“.
(דאָרט זייט 78)

פון גראַדעס לידער, געשריבן אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָלט מען געקענט ברענגען צענדליקער אַזעלכע אויסצוגן, וועלכע דריקן אויס סך־הכלען פון מענטשלעכע און דיכטערישע איבערלעבונגען, אויס־געקלאָרטע ביז ווייטיק, נאָר וואָס אָטעמען גלייכצייטיק מיט אָפּטי־מיזם, מיט גלויבן אין פאָלק און מיט גלויבן אין מענטש און מיטן פולן באַוווסטזיין פון דער אייגענער סאָציאַלער שליחות. אַזאַ דיכ־טונג וואָרצלט אין די איצטיקע צייטן אין אַ גאַנץ באַשטימטער אי־דעאָלאָגישער אָריענטאַציע, וואָס בויט די צוקונפט פון דער מענטש־הייט אויף לעבעדיקער שעפערישקייט, אויף פריינטשאַפט אין פרידן, און נישט אויף דער פּראָדוקציע פון מאָרד־מכשירים, אויף שנאה און קעגנזייטיקער אויסראָטונג. די הייס פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער אָריענטאַציע אויף דעם גוטן און ליכטיקן אין מענטש, די ערד, אויף וועלכער זי וואַקסט אָן אַלץ באַשטימטער און שפּעדיקער — איז דער ראַטנפאַרבאַנד. פון דאָרט, בלויז פון דאָרט, האָט גראַדע געקענט נעמען די עפּישע אַנגעגליטע קלאָר־

קיים אין אינהאַלט און די קאָנקרעטע און פּשוטע בילדלעכקייט און קינסטלערישע געצווימקייט און באַהערשטקייט אין דער פאָרם, נישט פאַרלירנדיק דערביי גאָרנישט פון זיין פריערדיקער אוממיטלבאַרער ברויזנדיקער קראַפט.

און עס האָט זיך אויסגעדאַכט: די געפלען פון קליינבירגערלעך־אַנאַרכיסטישן וועלט-באַנעם, וואָס קומען געוויינלעך אין דער דיכטונג צום אויסדרוק אין אינהאַלטלעכער און פאָרמלעכער אומקלאָרקייט, און וועלכע האָבן טיילמאָל פאַרטונקלט אין צעפלאָנטערט גראַדעם דיכטערישע זעונגען, זיינען אייןמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשוואונדן אין דער ליטערער און באַזיניקטער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, ווי שאָטנס — פון דער זון. פון איצט אָן וועט גראַדעם נאַציאָנאַלער פּאַטאָס זיין אינערלעך באַלויכטן פון אַן אַלגעמיין מענטשלעכער ליכט און פון אַ טיפערן פאַרשטיין דעם נויטווענדיקן גאַנג פון די געשעענישן, די סיבות פון זייער אַנטשטיין און גאַטירלעכע ריכטונג, שטריכן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם מהות פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור און קונסט, פון דער גאַנצער סאָוויעטישער קולטור.

פון איצט אָן וועט גראַדעם ליד זיין גלייכצייטיק דאָס מענטשלעכע ליד.

אָבער צום באַדויערן איז אַזוי נישט געשען. צו טיף זענען אויס האָבן געשטעקט אין גראַדען די וואָרצלען פון ערשטיקן פּסידאָ-נאַציאָנאַלן פאַרזיי לויט דעם רעליגיעז-באַלעבאַטישן נוסח און צו איינטים האָט זיין דיכטעריש געמיט זיך איינגעלעבט מיט די אַלטע און אויבערפלעכלעכע פאָרמען פון דער בית-המדרש-יידישקייט, אויב ער האָט געקאָנט ביי דעם ערשטן נסיון, נישט בלויז זיך אומקערן צו די אָפטע אינהאַלטלעכע און פאָרמלעכע פאַרגעפלטקייטן פון זיין ערשטן עטאַפּ, נאָר זיי ווייט אריבערשטייגן.

אַפילו אין דער פּאָעמע „קעליץ“, וועלכע איז אָנגעשריבן אונטער דעם פרישן איינדרוק פון דערשיטערנדיקע געשעענישן, אָבער וועלכע איז אויך גלייכצייטיק נאָך אונטער דער נישט אויסוועפּנדיקער זיך ווירקונג פון זיין סאָוויעטישן פּעריאָד — אַפילו דאָרט איז גראַדע נאָך אומשטאַנד זיך אויפצוהייבן איבער זיין אייגענעם שטאַרקן ווייטיק, ווי אויך איבער די בלוטיקע טאַטן פון מענטש-

לעבע אויסוואָרפן און מערדער, און דערזען דעם איידעלן גייסט פון א צווייט פאָלק.

נאָר וואָס ווייטער גייט אַלץ ערגער. די לייט, וואָס טוישן אוים די עכטע שיין פון טאָג אויף דעם בליאַסק פון גאָלד און די אמתע פרייהייט פון מענטש אויף דעם ווילקיר פון פערזענלעכע אמבי־ציעס, ווענדן שוין אָן אַלע זייערע כימרע גענג, כדי זיך צו דער־גראָבן צו די שוואַכקייטן פון מענטש און צו אַלע זיינע טיף־פאַר־באָרגענע דרימלענדיקע סענטימענטן, בפרט אַז דער דאָזיקער מענטש איז פון אַזאַ דיכטערישער וואָג, ווי גראַדע.

אין די נעצן פון די דאָזיקע לייט האָט דאָס ליכט, וואָס האָט זיך פאַר גראַדען אַ באַוויזן געטאָן בלויז אויף אַ קורצער צייט, ווי־דער זיך איינגעשרומפן צו אַ קוויטיקן בין־השמשות פון הינטער אַן אויוון אין בית־המדרש, דורך וועלכן די גאַנצע וועלט זעט זיך איינ־געטיילט בלויז אין צוויי לאַגערן: יידן און גויים —

יידן, וועלכע מען דערקענט בלויז „נאָך די אויגן פול אימה";

יידן — סוחרים, וואָס „די צען סיני־געבאָטן האָבן געלויכטן אויף זייערע קראָמען" און וועלכע האָבן געהאַנדלט „מיט בטחון. אַזוי ווי אַמאָל אויף די יאָר־מערק דער רבי לייב־שרה'ס";

יידן — טרעגער, וועלכע זענען „עניוותדיק געזעסן אויף היני־טערשטע טרעפן, דערפּרייט און געטרייסט, וואָס אויך זיי האָבן אין תורה א חלק";

יידן — סאַדאָווניקעס, וואָס „ריין איז געווען זייער הארץ, ווי יום־כיפור די קיטלען."

יידן — הענדלער, וואָס „פול איז געווען זייער הארץ מיט רחמנות";

יידן — „אין ווינטיקע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן", וועלכע האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי זיינען אייניקלעך פון מאַקאַבייער און — „אויפגעזונגען א ליוב־ליד צו נאַקעטע גופים" און „גלייך ווי די זיידעס אין לערנען זיך פאַרמאָסטן אין שווימען";

יידן — קעמפער, וואָס האָבן „דעם טאָג־שיין, וואָס האָט זייער קראַפט געזעגנט — גלויביק געטרויט" און „געבליבן גע־נאַרטע";

און —

גויים מיט „שמאַלציקע פּנימער" און „שמייכלען געהיימע", וואָס וואַרטן „אַז די וואַלד־ברידער זאָלן פון וואַלד טאָן א שפּרונג

אומגעריכטע". זיי נעמען „א טרונק בראָנפן און פרייד אין די אויסגאנגעם פינקלט, וואָס ס'זיינען נישטאָ מער קיין יידן קיין בערדיקע ביי די געשטעלן". אויך זייערע טעכטער, „די דאָרפישע בתולות, ביי יעזוס דעם שטיינערנעם קניען" און דאנקען אים פאר דעם זעלבן...

(פון דער פּאָעמע „יידישע שטעטלעך פון פּוילן",
„די צוקונפט" סעפּט. 1948.

ווי שרעקלעך קליין און ענג און טרויעריק עס איז געוואָרן גראַדעם וועלט אין איר נייער פּאַרוואַנדלונג. אויסער בלינדער שנאה צו דער „גויישער" וועלט אָן שום אונטערשיד, און סענטימענטאַלזיסער פּאַראידעאַליזירונג פון אַלץ, וואָס יידיש — קיין שום קאָנקרעטער אויסוועג, קיין שום ממשותדיקע פּערספּעקטיוו אויף דער צוקונפט:

„איך זוך אויף די וועגן דעם טלית, וואָס איך האָב געשפּונען פון שטעטלשע מעשות, בית־עולם־לעגענדעס, און אַרבעטער־לידער, ווען איך וואָלט א שטיקל כאָטש פון מיין צעריסענעם טלית געפונען דאן וואָלט איך אים אויסגעוועבט ווידער".
(פון דער זעלבער פּאָעמע)

אָדער:
„ווייל אונטער אַלע לימיקע געזיכטער
פון מאַן און פון אַסקעט און דיכטער —
אַ בלינדער בין איך אויף דער וועלט.
איך בין אַ מידער גייער,
און ווי איך קום — פּאַרבלייב איך פרעמד.
מיין פּנים איז אַ שלייער,
מיין גוף איז אַ געשענקטע העמד".

(פון ליד „דער אַסקעט" „די צוקונפט" פעברואר 1948)

די לעצטע שורות זיינען באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געפיל פון מענטשלעכער הערשלאָזיקייט און הכנעה, צו וועלכן עס איז אומשטאַנד צו דערפירן אַ דיכטער — אַפילו פון אַזאַ דרייסטן שוווּנג ווי גראַדע — די וועלט פון אונטערגאַנג, די וועלט, וואָס איז געבויט אויף דער אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש, די וועלט פון צביעות, קאָרופּציע און שנאה.

דער דאָזיקער אינהאַלטלעכער פאַראַרעמונג פון גראַדעם
„נייער“ דיכטונג אַנטשפּרעכט אויך אויף אַ נויטווענדיקן אופן אַ
באַשטימטע פאָרמלעכע דעגראַדירונג. עס קומען ווידער אויף אין
אַ פיל שטאַרקערער מאָס און אין פיל אָפטערע איבערחזרונגען די
אומקלאָרקייטן און נישט אדעקוואַטקייטן פון וואָרט און צעשוו=
מענקייטן פון דער קאָנסטרוקציע. די דרייסטקייט פון געדאַנק און
טרעפלעכע בילדלעכקייט פון אויסדרוק, די אינערלעכע פרייהייט,
וועלכע איז געקומען אונטער דער השפּעה פון אַ לויטערער און פריי=
ער וועלט=אָנשויונג, גייט איבער אין אן אינהאַלטלעכער און פאָרמ=
לעכער וואַקלדיקייט און אן אומזיכערקייט, וואָס פירט צו דער פאַר=
אָרעמקייט פון בילד, צו דער צווידייטיקייט פון וואָרט און פאַר=
נעפּלטקייט פון דער זעונג.

צי איז אָט דער וועג, וואָס פירט אין זיין ענדגילטיקן סוף
נישט בלויז צו דעם היפּוך פון יעדן גרויס מענטשלעך געפיל, נאָר
אויך צום היפּוך פון יעדן פּאַרטיפּטן און עכט נאַציאָנאַלן געפיל,
צי איז דער וועג — גראַדעס דיכטערישער אמת, וואָס „אים
שרעקט נישט קיין פּיין און אליין זיין, אים שרעקט בלויז צו זיין
נישט פאַרענדיקט“? צו פירט נישט צומאָל דער דאָזיקער וועג
גראָד צו א „פאַרלייקענען זיך גופא — צוליב דעם נצחון“, ווי
גראַדע אליין דריקט זיך אויס אזוי געלונגען אין זיין ליד „מען
האָט מיך געלערנט“?

דאָס זיינען פראַגן, וואָס גראַדע אַליין דאַרף וועגן זיי אַ טראַכט
טאָן אין מינוטן פון אויפריכטיקן חשבון=הנפש. יעדנפאַלס, אויב די
דאָזיקע גאַנצע נייע ווענדונג פון גראַדעס ליד אין דער ריכטונג
פון אַזאַ פאַרשטאַנענער „מענטשן=ליבע“ און נאַציאָנאַלער ווירדע
איז בלויז „צוליב דעם נצחון“, איז דאָס אַ נצחון פון אַ גאָר צווייפל=
האַפטן ווערט.

אלחנן וואָגלער

אויף דעם פאָן פון דער רעפלעקסיוו־געדאַנקלעכער און פּאַטעטיש־ראַציאָנעלער דיכטונג פון דער גרופּע „יונג־ווילנע“ טיילט זיך אויס זייער בולט די אומעטיק־פאַרחלומטע און תמימותדיקע געשטאַלט פון א. וואָגלער.

די מערהייט פון דער דאָזיקער גרופּע זיינען געקומען היים־אָנגעלאָדענע מיט פּראָבלעמען און געדאַנקען, אויסגעוואַקסענע אויף דעם באָדן, אויף וועלכן עס האָבן זיך באַגעגנט די אַלטע און יונגע ווילנע. א. וואָגלער, וועלכער איז נאָך געקומען מיט אַ שטיקל צייט פריער, האָט דעם דאָזיקן שטורעמדיקן אויפברויז אַרומגענומען מיט זיין דיכטונג, ווי מיט אַ קילן פאַרבענקטן טייך, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די טרויעריקע און האַרציקע ליטווישע לאַנדשאַפט.

געוויינלעך גייט אויף די ספּעציפישע אַטמאָספער און דער אייגנאַרטיקער נוסח פון אַ דיכטער שטופנווייז. זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט וואַקסט אָן און פורעמט זיך אויס פון ליד צו ליד פון ווערק צו ווערק. ביי וואָגלערן זיינען די אינהאַלטלעכע און פאָרמלעכע גרונטשטריכן פון זיין שאַפן אויפגעקומען שוין אין זיין ערשטן ליד. מיטן ערשטן דיכטערישן אויפטריט האָט ער שוין קונה געווען זיין אייגנאַרטיק און באַשטימט אָרט.

אין וואָס זשע באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון וואָגלערס דיכטונג?

זי באַשטייט קודם־כל אין דעם אוממיטלבאַרן באַנעמען די וועלט פון חיות, געוויקסן און אפילו דוממים, ווי אַ וועלט פון פאַרנונפטיקע וועזנס. די דאָזיקע פאַרמענטשלעכונג פון דער לעבנ־

דיקער און טויטער נאַטור אין וואָגלערס דיכטונג ליגט לגמרי נישט — ספּעציעל אין איר ערשטער פּאַזע — אויף דער אַלעגאָרישער פּלאַן. די נאַטור איז פאַר וואָגלערן נישט קיין אָביעקט, אָדער משל, נאָר דער נמשל אַליין, דער סוביעקט גופא. פונדאַנען די ספּעציפישקייט און איגנאַרטיקייט פון דער רייכער וואָגלערישער מעטאַפאָר, וועלכע צילט לגמרי נישט, ווי געוויינלעך, אַרויסצורופן אַזאַ, אָדער אַנדער אַדעקוואַט געפיל ביים לייענער, נאָר איז ווי אין דעם קינדער-מעשהלע איינדייטיק.

וואָגלער זעט דעם צער און די פרייד פון בעל-חי, פון געוויקס און פון טויטן קעגנשטאַנד, באַהעפט זיך אַליין אינטים מיט דעם דאָזיקן צער און מיט דער דאָזיקער פרייד און דערציילט זיי אויס בתמימות פאַר דער גאַנצער וועלט. אין דעם איז פאַראַן אַ גרויסע רירנדיקע נאַיוויטעט פון אַן עמאָציאָנעל-פּאַנטעיסטישן וועלט-באַנעם, וועלכער גרענעצט זיך מיט אַ קינדעריש-גאַנצער לעבנס-פאָרשטעלונג.

דער שוויגער און סומנער נע-ונדניק אלחנן וואָגלער פילט זיך איינזאַם אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַרומגענומען מיט נעצן פון ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן, פון ליגנס און אומיושר, ער קאָן זיך פון איר נישט אויספּלאָנטערן, און ער גייט דעריבער אַוועק אין אַ צווייטער וועלט, אין דער וועלט פון טויטע קעגנשטאַנדן, אין וועלכער ער חלומט זיך אויס זיין אייגענע פאָרשטעלונג וועגן מער איינפאַכע און מער יושרדיקע צווישן-באַציונגען.

אמת, אויך אין דער דאָזיקער נייער וועלט, מיט וועלכער דער דיכטער פאַרקנסט זיך אויף דעם סאַמע אינטימסטן אופן, גייען אים נאָך די שאָטנס פון דער אַלטער. אַזוי איז אויפן הימל „מיט וואָלקנס, בוקוועס ווייסע, אויף לשון קודש און דייטש געשריבן אַזוי. „היר איז די גרעסטע באַנק-האַוסע פאָן רבונו-של-עולם אַדענאָי“, און די לאַקייען „פון דעם דאָזיקן באַנקיר דעם רייכן, די פרעסט, שמידן אַלעמען אין קייטן“, צוליב וואָס „עס יאָמערן אויף די כוואַליעס פּליטן די בלויע קלעזמאָרימלעך — די טייכן“. און ענלעכע אומאָנגענעמע בילדער. אין אַלגעמיין אָבער פילט זיך דער דיכטער גוט אין זיין נייער וואָר, ווו ער האָט אַזוי פיל „שטומע פריינד צווישן די בעלי חיים און געוויקסן“ און ער זעט וונדערלעכע זעונגען, וועלכע דערפרייען זיין האַרץ און זייגען אים

אַ טרייסט אין זיין איינזאַמקייט. „פון זיין געוויין ווערט דורך נאַכט דער גאָרטן פאַרשריבן מיט גראָז“ און פון „זיין ליבע צום סאָד, זיין פרוי, ווערט זומער אויף די פעלדער“. „אויף די פינגער פון זיין געליבטער, דעם פלוימען סאָד, טוט ער אָן געשליפענע רינגען פאַרנאַכטן, און אויף איר האַלדז מעדאַליאָנען פאַרטאָגן“ און אַליין שטייט ער פון דער זייט און טראַכט: „ווי גוט איז אים און וויל... און די ליולקע, דער הייסער פאַרנאַכט, טליעט ביי אים אין מויל“

אָבער דער מענטשלעכער גורל וויל נישט אויפהערן צו פאַר־פאָלגן דעם דיכטער. וואָס שטאַרקער ער באַהעפט זיך מיט דער נאַטור, אַלץ בולטער דערזעט ער זיך אויך דאָ פאַרפלאָנטערט אין די פאַרשאָלטענע נעצן פון גוטס און שלעכטס, פון אומרעכט און צביעות. אין די „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט“ קומט ער שוין צו דער איבערצייגונג, אַז „יושר איז פאַראַן נאָר פאַר דער סטאַ־דאָלע, אָבער די בעלי־חיימלעך איז שלעכט. זיי טרייבט און שמייסט דער באַלעגאָלע, וועלכער איז אַליין אויך אַ קנעכט“. און אין זיין תמימות־דיקער זוניקער וועלט פון וועלדלעך און סעדער, פון פעלדער און גערטנער, פון אַלטע און יונגע ווינטן, פון בע־ריאָזעס און נוסביימלעך, פון וועגן און סטעזשקעס הויבט זיך אָן שפּינען אַן אַלט־נײַ טרויעריק מעשהלה אַז:

„אַמאָל איז געווען אין אונגעזערע מקומות אַ גייער, אַ טרוי־מער אַ יונגער, אַ בלונדנע שאָף, וואָס האָט זיך פאַר אַ מענטש פאַרשטעלט; זיין טאַטע־מאַמע האָט אויפגעפרעסן דער וואָלף — דער סיווער הונגער — און גאָט האָט אין דעם יתומס האַרץ פאַר־לוירן די וועלט“...

ער הערט ווי דער „מזל שלוכצט אויף אַ כמאַרע — אַ ברוי־נעם באַס“ און אַלץ, וואָס וואַקסט און בליט „שמידט צו צו דער ערד מיט אַ שאָטן — אַן אייזערנע קייט — די וואָר, די מאַצאַכע, די שלאַנג, די מרשעת“.

„דער צלם — דער סימבאָל פון פיין — האָרכט, ווי ס'געמען זאָגן וידוי די לעמער; ס'קלינגט דער קלויסטער. — דאָס וויל דער דערלייזער די סטאַדע מציל זיין פון טויט מיט אַ זמר...“

אין די „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט“ מאַכט דורך וואָגלער זיינע לעצטע וואַנדערונגען אין לאַנד פון אומבאַשטימטע בענק־שאַפטן נאָך יושר און שיינקייט, נאָך פריינדשאַפט און אמת, און ער דערשלאָגט זיך דורך פאַרשידענע פאַרנעפּלונגען און אומוועגן,

דורך פארשידענע סימבאָלישע געשטאַלטיקונגען פון דער אידיי פון איבערלעבער און אויסערלעבער אויסלייזונג צום קלאָרן ברעג פון „גיין צום מענטש, כאָטש רויזן גליאיקע און גרויל פאַרזייען די שפורן פון דעם גערעכטן", פון „ברענגען דער וועלט אַ גרוס פון גאָט, וואָס בויט זיין היים אין פאַרשאָלטענעם מענטשנס רויטע ווונדן..."

די דריטע פאַזע פון וואָגלערס שאַפן פאַלט אויס אין פעריאָד פון דער לעצטער מלחמה און שטעלט פאַר מיט זיך אָט דעם לויטערן און פאַרבענקטן גאַנג צום שטאָלצן מענטש, דעם מענטש, פון באפרייטער מי אין באפרייטן לאנד.

„זיי געלויבט, וואָס דו האָסט פון מיין עול אַ זילבערנע ליכט אויסגעקנאָטן"...

אין לאנד, ווו דאָס דאָזיקע ליכט איז פאַר אים אויפגעגאנגען, אין ראטנפארבאנד, וואָס טראָגט דער גאנצער וועלט די אידיי פון מענטשלעכער אויסלייזונג און פרידן, געפינט ער די טרייסט פאַר די גרויליקסטע אומגליקן, וועלכע זיין פאָלק האָט איבערגעלעבט.

„די ווייסל, מיין טרער, אין דיין שוים לאָז איך רינען,
דיין האַנט איבער מיר — איז מיין אייזערנע בריק".

אָדער:

„הייגט ליג איך ווי גראָז אין דער וואַרשעווער געטאָ
און כ'ביינד איבער מיין ווונד מיט די חסידישע וועגן".
„אָן דיין ליבשאַפט די וועלט איז צו קליין"...
אָן דיין ליבשאַפט די וועלט איז צו ענג" —
פאַרוויקל די ווונד מיינע מיט דיינע באַלזאַמע וועגן".

די דאָזיקע נייע פאַזע אין וואָגלערס דיכטונג אַנטהאַלט אין זיך גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, אַ דאַנק דער ליכטיקער און קלאָרער איינשטעלונג אירער. אָן איר האָט די וואָגלערישע דיכטונג זיך ביז איצט זייער אָפט געדרייט אין דעם איינגעשלאָסענעם קרייז פון מעטאַפאָרן לשם מעטאַפאָרן און בילדער לשם בילדער, שאַפנדיק אינהאַלטלעכע און פאָרמלעכע פאַרנעפּלטקייטן און אומקלאָרקייטן. איצט האָט די אייגנאַרטיקע וואָגלערישע מעטאַפאָריק, וועלכע קומט שטענדיק אויף פון אַן אָנגעזעטיקטער עמאָציאָנעלער אַטמאָספער, די מעגלעכקייטן זיך צו רעאַליזירן אויף

ברייטערע שטחים פון מענטשלעכן געדאַנק, און דורך דעם אויך די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון אירע אָפטע איבערחזרונגען צו שעפערישער שטייגערונג.

וואָגלערס פאַרחלומטע נאַטור־וויזיע, וועלכע איז אויפגעקומען פון אַ פאַרבענקטן געמיט נאָך אינערלעכער און אויסערלעכער גאַנצקייט, האָט געפונען איר אָפּטימיסטישן באַשייד. אָבער בלויז ביי אַ פאַרזיכטיקער, קינסטלעריש־דורכגעלעבטער באַהעפטונג פון דעם דאָזיקן באַשייד מיט די אייגנאַרטיקע דיכטערישע מיטלען פון וואָגלערס ליד ביז איצט, קאָן אָט די נייע פאַזע זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פרישן קוואַל פון שירה פאַר אָט דעם אַזוי אייגנאַרטיקן דיכטער פון ירושלים דליטא.

„חורבות דערציילן..." פון ב. מארק

צווישן אונדז און יענער צייט האט זיך ווידער אנגעהויבן ווערן א נארמאל לעבן, און דאס דאזיקע לעבן, וואס איז די ערשטע טעג געווען אזוי דין און דורכזיכטיק, אז מיר האבן קוים געקענט אונטערשיידן, וואס איז וואר און וואס איז חלום, איז מיט דער צייט געווארן אלץ דיקער, און געדיכטער און פארוואקסן מיט קליינלעכע מעשים פון טאג און אויך מיט וויכטיקע געשעענישן, ווי א נישט פארהיילטע טיפע וווּנד מיט פלאסטערן און באנדאזשן.

ב. מארקס בוך „חורבות דערציילן"... צעשמעלצט פונסטי דאס דאזיקע נארמאלע לעבן מיט א הייסן און ליידנשאפטלעכן אטעם פון בילדער און געשטאלטן, וואס זענען נאך אלץ ארומגענומען מיט יאמער און אונדזער בלוט, און עס גייען ווידער אויף פאר אונדז יענע טעג פון שוידער מיט זייערע צעפלאטערטע שרעקן, מיט זייער גליווערדיקן עלנט און מיט זייער אויסטערלישער וויסטער אטמאספער פון אומקום און פון טויט.

ב. מארקן, זעט אויס, איז נישט געגאנגען אזוי ווייט צו שאפן א בוך פון עקזאקטער געשיכטע, ווי צו געבן אין א האלב בעלעטריזירטער, האלב־פובליציסטישער פארם, א סינטעטיש בילד וואס זאל אפגעבן סיי די אטמאספער, סיי די שטימונג פון יענער גרויליקער צייט צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין דער געוועזענער מעטראפאליע פון יידישער קולטור און יידישן גייסט. דאס איז ערשטנס. צווייטנס, איז מארקן געגאנגען בולטער צו מאכן געוויסע וועזנטלעכע ריכט־ליניעס, וועלכע האבן א שייכות צו דער אינערלעכער געזעלשאפטלעך־פאליטישער איינשטעלונג פון דעמאלטיקן יידישן לעבן, אן איינשטעלונג וואס האט געהאט א דע־

ציִדיִרנדיקע ווירקונג אויף דער געשטאַלטיקונג פון יידישן לעבן אין נייעם פוילן אין די ערשטע יאָרן פון אויפבוי. און דריטנס, האָט ב. מאַרק געזוכט אין דעם בוך צו געבן אַן אָביעקטיווע באַגרינדונג דער אינטואיטיווער פאָרשטעלונג פון יעדן ייד וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, נישט בלויז ווי וועגן אַן ענין פון אַן ענגן קרייז פון אויסדערוויילטע יחידים, נאָר ווי וועגן אַ באַוועגונג, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין קאָנקרעטע מעשים פון גאַנצן עלנטן רעשט כמעט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו יענער צייט פון גרויסן יידישן קיבוץ אין וואַרשע.

די דאָזיקע דריי מאָמענטן, אויף וועלכע עס איז בעיקר געבויט דאָס בוך, באַמיט זיך ב. מאַרק אַרויסהייבן אין זייער אינערלעכער באַהעפטונג און אין זייער געשיכטלעכן קלימאַט אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך אליין דערפילן ווי מיטבאַטייליקטע.

שוין אין די ערשטע קאַפּיטלען, ווי „די גאַס“, „הונגער“ א.א. אין וועלכע עס ווערט געשילדערט אין סטיל פון קורץ־געפּאַסטע קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן דער שטייגער פון געטאָ, זיין אויסערלעך אויסזען און אינערלעכע גרויל־איבערלעבונגען, קומט אויף דאָס בילד פון געטאָ אַזוי לעבעדיק און וואַרשיינלעך, ווי עס זאָל ווידער אויפשטיין פאַר אונדז. אָבער וואָס איז נאָך עיקרדיקער — צוזאַמען מיט דעם בילד פון געטאָ גייט אויך אויף שוין פון אָנהייב די ספּעציפישע שטימונג, אָדער בעסער געזאָגט די ספּעציפישע שטימונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין געטאָ, נישט דורך אָפּגעריסענע סטאַטיש־פאַרפיקסירטע פאַקטן, נאָר ווי אַ לעבעדיקע, פולסירנדיקע אַטמאָספער פון אַ קאָלעקטיוו, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען, וואָס די געשיכטע האָט ווען עס איז געקענט.

די דאָזיקע מעגלעכקייט פון בולטער און לעבעדיקער שילדערונג, ווי אויך די פעיקייט צו דערזען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע דעטאַלן און דורך אַ באַשטימטן אופן פון גרופּירן זיי, אַרויסהייבן די אייגנאַרטיקע שטימונג פון דער צייט — דאָס זענען שוין אייגנשאַפטן, וואָס האָבן מער שייכות צו דער ספערע פון שעפערישן וואָרט, איידער ווי צו געשיכטע.

די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען גורם צו אייניקע זייער וועזנטלעכע מאָמענטן אין מאַרקס בוך. ערשטנס, דערמעגלעכן זיי דעם אויטאָר שוין אין אָנהויבס, און פיל מער נאָך שפּעטער, אַרויס=

ברענגען קעגנזײַטיקע פֿאַקטן, ווי העלדישקייט און פּחדנות, מסירת-נפש און פֿראַס, אומפֿעמענטשלעכע אַכזריות און איידעלן הומאַניזם א.ד.ג., נישט אין זייער אַבסטראַקטער אויסערגעוויינלעכקייט און אַפֿילו נישט ווי קאָנקרעטע, נאָר אָפּגעריסענע איינע פֿון די אַנדערע פֿאַקטן, נאָר פֿאַרבונדן איינע מיט די צווייטע און אַרויסגעוואַקסענע לאָגיש און נאַטירלעך פֿון געוויסע סאָציאַלע פֿאַרבאַדינגונגען, אָדער פֿון דער געגעבענער סיטואַציע. דאָס גיט אונדז אַ מעגלעכקייט נישט בלויז צו דערזען די געשעענישן אין זייער אמתן ליכט, נאָר אויך אָנהויבן צו פֿאַרשטיין זייער אינערלעכן נויטווענדיקן צוזאַמענהאַנג. צווייטנס, שאַפֿן זיי פֿון ערשטן בלעטל אָן אַזאַ אינטימקייט און נאָענטקייט לגבי אַלץ, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר, אַז דער לייענער הייבט אָן אויפֿצונעמען דאָס געלייענטע, נישט ווי ער זאָל זיך האָבן איינגעהערט אין א דערציילונג, וואָס קומט פֿון דרויסן, נאָר ווי ער זאָל דאָס האָבן אליין דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט.

דאָ ווירקט אומבאַדינגט אונדזער סוביעקטיווע באַציונג צו דער טעמע, אָבער אין אַ גרויסער מאָס אויך דער סוביעקטיווער אופֿן פֿון דערציילן, די טעמפּעראַטור פֿון וואָרט און בילד.

די דאָזיקע ריין פֿאָרמעלע ווערטן פֿון בוך דערפֿירן צו אינהאַלטלעכע רעזולטאַטן פֿון ערשטקלאַסיקן באַדייט. מיר הערן אויף צו זען די אחדות פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט ווי אַ פּועל-יוצא פֿון געדאַנקלעכער צוועקמעסיקייט, נאָר ווי אַ נויטווענדיקן פּראָדוקט פֿון אַן איינהייטלעכן קאַמפֿס-גייסט, וועלכער איז אויפֿגעקומען פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק. דעסגלייכן הייבן מיר אָן צו זען די עקזיסטענץ פֿון די פֿאַרשיידענע פֿאַרטיידיקונגס-און קאַמפֿס-גרופּן אויסער די ראַמען פֿון דער יידישער קאַמפֿס-אָרגאַניזאַציע, ווי אַ נאַטירלעכע און גלויבנסווירדיקע דערשיינונג, ווי דער אויסדרוק פֿון אַ טיפֿער פֿאָלקס-איבערלעבונג, וועלכע מינערט לגמרי נישט די באַדייטונג פֿון דער קאַמפֿס-אָרגאַניזאַציע גופֿא, נאָר פֿאַרקערט, שטרייכט אונטער איר היסטאָרישע נויטווענדיקייט און במילא איר פֿאָלקס-כאַראַקטער און נאַציאָנאַלן באַדייט. אין דעם אויפֿדעקן און אַרויספֿירן די אינדיווידועלע פֿאַרטיידיקונגס- און קאַמפֿס-גרופּן גיט זיך ב. מאַרק איין צו שאַפֿן די פֿאָרשטעלונג וועגן דער איינהייטלעכער שטימונג פֿון נאַציאָנאַלן אויפֿברויז און אויפֿהייבן דעם אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ צו דער הייך,

װעלכע עס האָט צומאָל נישט געקענט דערזען דער אָדער יענער איינצלנער קעמפער פֿון זיין אָפּגעריסענער קאַמפּס־פּאָזיציע.

דאָס געהער בלתי־ספק צו איינעם פֿון די הויפּט־פֿאַרדינסטן פֿון „חורבות דערציילן“...

פֿאַרשטענדלעך, אַז ווי אַן ערשט װערק, װאָס װיל געבן אַן אַלגעמיין בילד, נישט בלויז פֿון אויפֿשטאַנד, נאָר אויך פֿון גאַנצן יידישן לעבן אין װאַרשע אין דער צייט פֿון דער אָקופּאַציע, פֿאַרמאָגט דאָס אַ ריי אומפּינקטלעכקייטן, סיי אין דער איבערגעבונג פֿון פּרטים, סיי אין דער פֿאָרמולירונג פֿון געוויסע ספּעציפֿישע פֿאַר יענער צייט געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען. דער נישט גענוגנדיקער געשיכטלעכער דאָקומענטן־מאַטעריאַל צו דער צייט, ווען ב. מאַרק האָט געשריבן זיין בוך, האָט גורם געווען נישט בלויז איבערצושטעלן אין צייט און אין אָרט פֿיל פֿאַקטן, און טיילמאָל אַפֿילו צו פֿאַרווישן די גרענעצן צווישן װאָר און לעגענדע, נאָר צייטנווייז אויך נישט גענוג אונטערצושטרייכן װעזנטלעכע דערשיינונגען פֿון אַ װיכטיקן באַדייט פֿאַרן פֿאַרשטיין די אינערלעכע באַװעג־קראַפֿט פֿון אויפֿשטאַנד. אַזוי האָט מאַרק ביי זיין גאַנצן ריכטיקן איבערגעבן די ראָל און די װאָג פֿון די פּ.פּ.ר.־ישע גרופּן אין די קאַמפֿן, סיי פֿון די, װעלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, סיי פֿון די, װעלכע זענען געשטאַנען אויסער איר, דאָך נישט באַוויזן, טאַקע אויס מאַנגל אין מאַטעריאַל, אַרויסצוהייבן ווי אַ פֿאַראַלגעמיינערט בילד די דעציזירנדיקע איניציאַטאָרישע ראָל פֿון פּ.פּ.ר., װעלכע האָט געווירקט אומאויפֿהערלעך פֿון די ערשטע מיליטערישע אויבונגען מיט די פֿאַרשידענע יוגנט־גרופּן ביז אין סאַמע סוף. די דאָזיקע ווירקונג האָט געקאָנט זיין אומבאַמערקט פֿאַר פֿיל, װעלכע האָבן אַפֿילו אָנטיילגענומען אין די קאַמפֿן, פּונקט ווי די לופֿט איז פֿאַר זייער פֿיל אומבאַמערקט. אָבער אָן דער דאָזיקער ווירקונג וואָלט נישט מעגלעך געווען דאָס, װאָס איז געשען. די פֿאַרבינדונגען פֿון די פּוילישע חברים פֿון פּ.פּ.ר. און פֿון דער פֿאָלקס־אַרמיי דורך די יידישע חברים אין געטאָ מיט אַלע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זענען װיכטיק געווען נישט בלויז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געווער־ליפֿערונג, נאָר בעיקר אַלס דער איינציקער דערמוטיקער און וועקנדיקער פֿאַקטאָר, אַ דאַנק װעלכן די העלדישע קעמפֿער פֿון געטאָ האָבן ווידער אָפּגעפֿונען זייער גלויבן אין מענטש.

ב. מאַרק הויבט אַרויס דעם דאָזיקן מאָמענט אינטואיטיוו דאָ און דאָרט, ווייזט אָן אויף דעם דאָזיקן איינציקן דערמונטערדיקן כוח אין יענער צייט פון שווידערלעכן עלנט, אָבער אויס מאַנגל אין מאַטעריאַל, איז ער נאָך נישט אימשטאַנד אים אַרויסצוברענגען ווי אַ סיסטעמאַטישע גאַנצקייט.

אָבער די אַלע בלויזן, ווי וועזנטלעך זיי זאָלן נישט זיין אַן און פאַר זיך, זיינען אָבער נישט וועזנטלעך פאַר די אויפגאַבן, וועלכע ב. מאַרק האָט זיך מיט דעם בוך געשטעלט און אַוודאי נישט וועזנטלעך פאַר דעם גרויסן אָביעקטיוון ווערט פון דעם דאָזיקן בוך אין נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער הינזיכט.

די נאַציאָנאַלע הויפּט־אידיי פון דער צייט, די אידיי פון אייניקייט פון אַלע דעמאָקראַטישע פּראָגרעסיווע כוחות אינערהאַלב דער יידישער געזעלשאַפט גופא און זייער אינטימע פאַרבינדונג מיט די זעלבע כוחות ביי אַלע אַנדערע פעלקער, ווי דער איינציקער נויטווענדיקער באַדינג פון דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק בכלל — די דאָזיקע אידיי איז אין דעם דאָזיקן בוך אַרויסגעהויבן אין דער פולער קלאָרקייט.

דאָס גאַנצע ווערק איז אַ פּירוש צו אָט דער נאַציאָנאַלער ריכטיקער איינשטעלונג.

אָבער דער „פּירוש“ גופא, וועלכער וויקלט זיך אויף פאַר אונדז אויף דריי הונדערט זיבן און אַכציק זייטן בוך־פאָרמאַט הויבט אַרויס פאַר אונדז דאָס לעבן, די ראַנגלענישן און דעם אומקום פון דער יידישער מעטראָפּאָליע אין אייראָפּע, און אין געוויסע הינזיכטן, נישט נאָר אין אייראָפּע, מיט דער גרינטלעכקייט און אַלזייטיקייט פון אַן ערנסט געשיכטלעך ווערק, מיט דער לעבעדיקייט און פּלאַסטישקייט פון אַ גוטן שילדערער און מיט דעם ווייטיק און צער פון אַן אינטימער איבערלעבונג. נישטאָ קיין איין געביט פון לעבן פון די וואַרשעווער יידן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע, קיין איין איבערלעבונג זייערע, וואָס זאָל אין דעם בוך נישט ווערן פאַרפיקסירט. די ערשטע טעג אין געטאָ, די שטימונגען פון די יידן, די ערשטע רדיפות, די קעגנזייטיקע הילף, דאָס קולטור־לעבן, דאָס פּאָליטישע לעבן, די „אויסזידלונגען“, דאָס פּראָבלעם יודנראַט, די אייגענע פאַרעטער, דער אויפקום פון די ערשטע אַקטיווע קאַמפן, דאָס גיין אין וואַלד, די גענויעסטע פּרטים פון לעצטן אויפשטאַנד, ווי אויך צענדליקער לעבעדיקע געשטאַלטן, וועלכע

האָבן דעם אויפשטאַנד צוגעגרייט און אין אים אָנטיילגענומען — דאָס אַלץ ווערט דורך דער שעפערישער פּאַנטאַזיע פון מחבר דער־הויבן צו איין גאַנצעם און אומצוטיילבאַרעם, ווי ס'איז געווען דאָס לעבן אַליין.

און עס באַקומט זיך אַ בוך פון אומענדלעכער פּיין, אָבער אויך פון וווּנדערלעכער גבורה, אַ בוך וועגן וועלכן מען קאָן זאָגן מער־ווייניקער דאָס זעלבע, וואָס דער מחבר זאָגט וועגן דער עיקר־טעמע פון בוך גופא — וועגן אויפשטאַנד, אַז ער איז געווען אַ המשך, אַ סוף און אַן אָנהויב, ווייל אויך דאָס בוך בינדט אָן אין די לײדן און אין דער גבורה, וועלכע באַגלייטן אונדזער פאָלקס שוין דורות־לאַנג, שילדערט בילדלעך און טריי דעם טראַגישן סוף פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע און רעגט אָן מיט דעם גייסט פון העראָיזם, מיט וועלכן ס'איז דורכגענומען, „צו ווייטערדיקן קאַמף קעגן די געשפּענסטער פון נעאָ־היטלעריזם פאַר דער פרייהייט פון ייד און מענטש".

געטאָ- און פּאַרטיזאַנער-דערציילונגען פון הערש סמאָליאַר

פאַראַן אַזעלכע אייביקע מענטשלעכע טעמעס אין דער ליטעראַטור, וואָס אַרום זיי האָט זיך שוין געשאַפן אין משך פון יאָרהונדערטער, אויב נישט יאָר־טויזנטער, אַ געוויסע ספּעציפישע אַטמאָספער.

צו דער קאַטעגאָריע פון אייביקע טעמעס געהערן אַזעלכע אַלגעמיינע באַגריפן, ווי לעבן און טויט, ליבע און פאַראַט, גוטס און שלעכטס און ד.גל.

דער ייִדישער ליטעראַטור האָט אונדזער ספּעציפישער גורל מזכה געווען מיט נאָך איין אייביקער טעמע, דאָס איז די אומאויפהערלעכע פּיין און יסורים פון פאָלק, וועלכע ווערן מחמת זייער סטאַבילקייט אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע ערטער אויפגעפאַסט שיעור נישט, ווי אַ נויטווענדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון אונדזער עקזיסטענץ, ווי עפּעס אַ געהיימע מוסיף פון זיין ליבן נאָמען.

אויף דער ליטעראַרישער געשטאַלטיקונג פון אָט דער וועזנטלעכער נאַציאָנאַלער טעמע, סיי אין דער פילאָזאָפישער און פּובליציסטישער ליטעראַטור, סיי אין דער בעלעטריסטישער, האָט די דאָזיקע אויפפאַסונג אָפט געווירקט אין אַ באַשטימטער ריכטונג, נעמלעך, אין דער ריכטונג פון אַפּהענגיקייט און פון שלום מאַכן מיטן גורל.

דורך פֿאַרשידענע עמאָציאָנעלע אומוואַנדלונגען האָט דער דאָזיקער געמיט־צושטאַנד באַהערשט אין אַ גרויסער מאָס אויך אונדזער הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור, קומענדיק צום אויסדרוק סײַ אין טיף־לירישע אויסוועגלאָזע אומעט־לידער און פֿאַרשידענע טרויער־מאָטיוון, סײַ אין פּאַטעטישע גלאָריפֿיקאַציעס. ספּעציעל די לעצטע זײַנען בלי ספֿק אַ בולטע פּאָעטישע אויסערונג פֿון דער אײַנשטעלונג, אַז די אין גרונט פּעסימיסטישע און רעזיגנירנדיקע אַטמאָספֿער האָט מכלומרשט אין געוויסע צײַטן אָפּגעשפּילט פֿאַר באַשטימטע שיכטן די ראָל פֿון אַן אייגנאַרטיקער זעלבסטפֿאַרטיידיקונג קעגן די פֿיזישע און מאָראַלישע אָנגריפֿן פֿון דרויסן.

זייער פֿיל פֿון דער היסטאָריש־דאָקומענטאַלער און פֿאַרצייכענונגס־מעמואַריסטישער ליטעראַטור וועגן דער שווידער־צײַט פֿון דער היטלערישער פֿאַרניכטונג זײַנען געשריבן אין דעם גייסט. דאָס גלײַכן איז אויך אַ היפּשע צאָל פֿון די ערשטע קינסטלעריש־ליטעראַרישע אויפֿגאַנגען דורכגעדרונגען מיט אָט דער לופֿט.

און עס ווערט פֿאַרזען דער אמתער ייִדישער העראָיזם, וועלכער איז אַפֿילו אין די יאָרן פֿון עלנט און שנאה און מענטשלעכער פֿאַרווילדקייט נישט מיד געוואָרן פֿון גלויבן אין דעם מענטש, כּדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די כּוחות פֿון פֿינצטערניש און שלעכטס.

מיט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספֿער טוט אַ ווייע אויף אונדז פֿון די ביכער אויף דער זעלבער טעמע, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן דורך מחברים, אַליין אַקטיווע אָנטיילנעמער אין קאַמף. בטחון אין זיג און טיפֿער גלויבן אין מענטש איז דער ליכטיקער הינטערגרונט פֿון אַלע זייערע פּערזענלעכע שווערע איבערלעבונגען און אַלגעמיינע שילדערונגען.

ספּעציעל באַלערנדיק אין דער הינזיכט איז דאָס בוך פֿון ה. סמאָליאַר „פֿון מינסקער געטאָ“. דאָס בילד פֿון גרעסטן אומגליק אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, גייט אויף אין דעם בוך אין אַ ליכט, צו וועלכן מיר זײַנען נישט זייער צוגעוווינט. נישט קיין רעזיגנאַציע און פּאַסיווער אויסדויער, נישט קיין שלום מאַכן מיטן גורל און הכנעהדיקער פּראָטעסט, נאָר הייסער אָטעם פֿון קאַמף און נאַטירלעכע מענטשלעכע ווירדע גיט אַ ווייע אויף

אונדז כמעט ווי פון ערשטן בלעטל אָן און האַלט אונדז אין טיפֿער שפּאַנונג ביז אין סאַמע סוף.

דאָס מערקווירדיקסטע אין סמאָליאַרס בוך איז זיין הייסער, אָנגעלאָדענער און אייליקער קאַמפּס־ריטם. ער שטראַלט אַרויס פון זיך אַן אייגנאַרטיקע אָנגעגליטע אַטמאָספער, וואָס מאַכט לאַנג נאָכן איבערלייענען דאָס בוך נאָך אַלץ אויפציטערן דאָס האַרץ מיט אַ געמישט געפיל פון ווייטיק און שטאָלץ, פון טיפן טרויער און אַ מין פרייִדיקער גרייטקייט צו לעבן און צו האַנדלען אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט און געהאַנדלט די העלדן פון בוך. אויב סטיל איז דער מענטש, איז ריטם דער מענטש פּליוס די צייט און דאָס אָרט. פון דעם ריטם פון סמאָליאַרס בוך גייט אויף פאַר אונדז בולט דער כאַראַקטער פון דער צייט און פון דעם אָרט, אין וועלכע די געשעענישן קומען פאָר. מיר דערקענען אין אים גלייך דעם סאָוועטישן מענטשן, אין דעם פאַל, דעם סאָוועטישן ייִדן, וואָס האָט פיינט צו טראַכטן מיט לאַנגע פּויזעס, אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט און פון טאַט, און פאַר וועמען מענטשלעכער שטאָלץ און פערזענלעכע ווירדע איז אַזוי פּשוט און נאַטירלעך ווי די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט. מיר דערקענען אין אים גלייך דעם מענטשן, וואָס זיין געדאַנק איז אָפּגערייניקט פון די פאַרשידענע מוטנע אָפּגעזונדערטקייטן פון יאָרן, און דעריבער איז זיין וועג צום ציל אַ קורצער און גלייכער, און זיינע האַנדלונגען דעצידירטע און זיכערע.

שוין פון דעם ערשטן, זייער לעבעדיקן און קערנדיק־געשילדערטן בילד פון דעם צוריקקער פון די מינסקער ייִדן אין זייער באַצווונגענער שטאָט, איז צו זען, אַז דער אויטאָר שטעלט זיך לגמרי נישט קיין אויפגאַבע צו געבן אין זיין בוך עפּעס באַזונדערע אויסנאַמען, ספּעציעלע שטאַרקע כאַראַקטערן, נאָר גראָד פאַרקערט. דאָס געפיל פון ווידערשטאַנד וואַקסט אָן פון סאַמע אָנהייב אין דער גאַנצער מאַסע, אַלס אַזאַ. לכתחילה קומט דאָס דאָזיקע געפיל ווי אַ קאָמפּראָמיסלאָזע נעגאַציע פון דער ווירקלעכקייט, ווי אַ טיפע איבערצייגונג אין דער צייטווייליקייט פון היטלערישן נצחון. „ס'איז פאַר אַלעמען זיכער געווען, וואָס זיכער עס קאָן שוין נישט זיין: אונדזערע קומען האָך באַלד צוריק! אונדזערע זיינען שוין נישט ווייט!“ נאָר דערנאָך, ווען עס קומען די שווידערלעכע

געטאָ־געבעט, וועלכע סמאָליאַר שילדערט אין זיין בוך מיט אַזאַ עקספּרעסיע, ווען עס קומען די טאָג־טעגלעכע רויבערייען און רציחות, דאַן נעמט אָן דאָס געפיל פון ווידערשטאַנד אַלץ מער בולטער די פאָרם פון אָרגאַניזירטן קאַמף. צו דעם דאָזיקן קאַמף קומען מענטשן פון פאָלק, קומען פרויען און קינדער, ווייל כאָטש „אין געטאָ איז שטיל געווען, ווי בישט צוועלף טויזנט, נאָר אַלע אַכציק טויזנט יידן זיינען אין דעם טאָג אויסגעקוילעט געוואָרן — — — זיינען נאָך אָבער מענטשן געווען, מענטשן האָבן געלעבט און געהאָפט, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ וועלן מיר זיין די זיגער". דער דאָזיקער גלויבן אין זיג „נישט געקוקט אויף אַלץ" האָט נישט בלויז אויסגעדריקט דעם גרענעצלאָזן צוטרוי פון די מינסקער יידן צו זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד, נאָר איז אויך געווען אַ בולטער אויסדרוק פון זייער שטאָלצן זעלבסטגעפיל אַלס יידן און מענטשן, וואָס דאָס דאָזיקע סאָציאַליסטישע היימלאַנד האָט אין זיי דערצויגן דורך יאָרן.

פון אָט דעם מאָמענט, ווען דער ווידערשטאַנד נעמט אָן די פאָרם פון אָרגאַניזירטן קאַמף הויבט זיך אָן די האַסטיקייט פון די געשעענישן, דער קאָנטאַקט צווישן שטאָט און וואַלד, צווישן געטאָ און דער אַרישער זייט. אין די דאָזיקע געשעענישן נעמען אָנטייל, אָדער, מינדעסטנס, ווילן נעמער אָנטייל, אַלע. סמאָליאַר, כאָטש אייגער פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער, שילדערט די דאָזיקע געשעענישן אין אַ באַשיידענער, אינפאָרמירנדיקער פאָרם אָן שום צומיש פון פערזענלעכן געפיל, פאַראַטנדיק בלויז פון צייט צו צייט זיין אייגענע איבערלעבונג דורך אַ קורץ־געפּרעסטער לירישער שילדערונג, פון וועלכער עס גייט אויף אַ טיפער ווייטיק און טרויער. און דאָך, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, פולסירן די שורות פון דעם בוך מיט אַזאַ אָנגעגליטער הייסער שטימונג, וועלכע אַנטשפּרעכט פולקאָם דעם האַסטיקן גאַנג פון דער צייט, און די העלדישע האַנדלונגען פון יחידים און גאַנצע גרופּן וואַקסן אָן ווי פון זיך אַליין און באַקומען אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט און טיפערן זין.

די העלדישע אויפטוען פון די צוועלף־ און פופצן־יעריקע וויליק רובעזשינס, פומקע פרעסמאַנס, רוד גערציקס, די מסירת נפשדיקע אַרבעט פון נאָטקע וויינהויז, פעדיע שעדלעצקי, מיכל גע־

בעליעוו, באריס כאימאוויטש, צילע באטוויניק, דעם געלן מילנער און הונדערטער אנדערע ווערן ארויסגעהויבן און אויסגעטיילט דורך סמאליארס רעאלער און קלארער שילדערונג, ווי די נאטירלעכסטע דערשיינונגען פון זייער צייט און ארט און אין פולן הסכם מיט זייער אינדיווידועלן כאראקטער; אין דעם ליגט דער אלגעמיינער געשיכטלעכער באדייט פון דעם בוך, אין דעם ליגט אויך זיין סאליַדע ליטעראַרישע קוואליטעט.

און ווי פון זיך אליין, אן שום לכתחילהדיקער טענדענץ, גייט אויף פון דעם אלעמען דער העראיזם פון יידישן מענטש, וועלכער באווייזט, אז ביי געווייסע באדינגונגען פון מענטשלעכער גלייכהייט און פריינטשאפט איז ער מסוגל מיט דער גרעסטער העלדישקייט ווירדיק און מוטיק צו פארטיידיקן די פרייהייט און דעם כבוד פון זיין לאנד און פון זיין פאלק.

דערמיט האט סמאליאר אויפגעדעקט דאס בילד פון גרויל און אומקום נישט נאר פאסיוו, נישט געבנדיק קיין שום אויסוועג, נאר אקטיוו, דורך דער רעאקציע פון פאלק אויף דעם דאזיקן גרויל, און דורך דעם גופא אנגעוויזן דעם אויסוועג.

און צווייטן טייל א.ג. „נקמה" גיט סמאליאר א גאנצע ריי קורץ-געפאסטע, קאמפאזיציאנעל פארגאנצטע און לעבעדיק-גע-שילדערטע צייכענונגען פון פארטיזאנער. דער אופן פון געבן זיי אין אקציע און דורך אקציע דערמעגלעכט דעם מחבר מיט קארגע שטריכן אויפשטעלן גאנץ בולט נישט בלויז זייערע אינדיווידועלע כאראקטערן, נאר אויך די ענדערונגען, וועלכע זיי האבן דורכגעמאכט פאר דער לעצטער צייט.

אט די אלע העלדן, וועלכע האבן מיט דער גרעסטער פשטות פון פאלקס-מענטשן אפגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאר דער באפרייאונג פון דער גאנצער מענטשהייט, ווידמעט סמאליאר דאס דאזיקע בוך אלס „באשיידענער אנדענק".

ווען מיר באקענען זיך אבער נאענטער מיט דעם אינהאלט פון בוך, דאן זעען מיר, אז דאס איז נישט בלויז קיין באשיידענער אנדענק פאר די אומגעקומענע, נאר אויך א באשטימטע ריכטליניע פאר די לעבנגעבליבענע, א ריכטליניע, וואס שיילט זיך

אויס, ווי פון זיך אליין, פון דעם באַטירלעכן גאַנג פון די געשעעניש און פון דער רעאַלער אַמתדיקער שילדערונג זייערער, און דאָס מאַכט נאָך דעם אָנדענק וואָגיקער און פולווערטיקער.

מיט דעם זעלבן גייסט איז אויך דורכגעדרונגען דאָס צווייטע בוך פון סמאַליאַרן „יידן אָן געלע לאַטעס".

אין גאַנג פון יעדער גרויסער געשעעניש איז שווערלעך אויסצוטיילן דעם יחיד. זיינע מעשים און זיין פאַרהאַלטן זיך ווערן אָפט דיקטירט דורך דעם ריטם פון כלל. די האַנדלונגען, וועלכע זיינען אויסגעמאָסטן צו דערגרייכן איין און דעם זעלבן ציל, מאַכן אוים־בערפלעכלעך ענלעך איין יחיד צום צווייטן. כדי צו דערזען דעם כלל, ניט בלויז ווי אַן איינטאָניקע מאַסע, נאָר ווי אַ צוזאַמענשטעל פון באַזונדערע לעבעדיקע יחידים, וועלכע לייגן אַריין אין געמיינזאַמען אויפטריט הארץ און טיפע איבערלעבונג, איז אָפטמאָל נויטיק צו דערזען דעם איינצלנעם, אָדער גרופּן פון איינצלנע, אין אַזעלכע האַנדלונגען און סיטואַציעס, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי גופא.

די וווּנדערלעכע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אויף דער סאָוועטישער ערד אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע אַלס אויסדרוק פון באַטירלעכער מענטשלעכער ווירדע און מוט פון סאָוועטישן מענטשן, אַלס אויסדרוק פון זיין גרויסן פּאַטריאָטיזם, האָט זיך בליץ שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער מאַסן־באַוועגונג, אין וועלכער דער יחיד, אָדער די מעשים פון יחיד האָבן זיך פאַר דעם אויבערפלעכלעכן צושויער פאַרלוירן אין דער ציקנגעווענדעטער און געאָרדנטער טעטיקייט פון כלל. אָבער גראָד דאָ זיינען די מעשים פון יחיד, מערסטנטייל געווען באַוויזן פון אַ גרויסער זעלבסטשטענדיקייט און זעלבסטבאַשטימונג. די מאָראַלישע קראַפט פון איינצלנעם, זיין טיפע איבערלעבונג אין יענער צייט, האָבן באַשטימט ניט נאָר זיין ערשטן שריט, נאָר אויך געווירקט אומאויפהערלעך אויף זיינע האַנדלונגען פון יעדן טאָג.

דער פּאַרטיזאַנער־ציבור האָט לויט זיין מהות פאַרמאָגט יחידים פון גרויסן פערזענלעכן מוט, נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער ווירדע און טיפן געפיל, יחידים פעיקע אויף גרויסע מענטשלעכע

טאָטן. אויפדעקן די דאָזיקע מענטשן, אַנטפּלעקן זייער אינערלעכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט איז מעגלעך אָפּטמאָל גראָד דורך אַ פּרט, וועלכער האָט אין פלוג קיין גרויסע באַדייטונג נישט, נאָר דורך וועלכן די דאָזיקע פּערזענלעכקייט, נישט זייענדיק געצווימט פון אַלגעמיין אָנגענומענע פאָרמען, זאָגט זיך אַרויס אַבסאָלוט פריי, אין פולן הסכם מיט איר אמתדיקן כאַראַקטער.

אין זיין ווילן פאַרצושטעלן דאָס לעבן פון די פּאַרטיזאַנער וואָס מעגלעך אינטימער, האָט ה. סמאָליאַר אַרויסגעפילט די נויטווענדיקייט פון אָנווענדן אָט דעם מעטאָד. דורך אַ קוים באַמערקטער נשמה־באַוועגונג אויפדעקן די טיפסטע אינערלעכע אויפברויזן, דורך אַ דינעם, ווי צופעליק געצייכנטן, שטריך אַנטפּלעקן דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַ געשטאַלט, פון אַ געשעעניש, אָדער פון אַ סיטואַציע. מיט איין וואָרט: מענטשלעכע אויפבליצן אין אַ שטורעמדיקער צייט, וואָס דויערן נישט מער ווי איין רגע, אָבער וועלכע דערלויבן אונדז אין דער רגע צו דערזען סיי דעם גאַנצן פּייזאַזש, סיי דעם איינצלנעם בוים, וועלכער איז די גאַנצע צייט צוגעפּגעגאָסן מיטן אַרום.

סמאָליאַר גיט אונדז די דאָזיקע אויפבליצן אין זיינע קורצע דערציילונגען אומבאַמערקט, נישט צוגעטראַכט, מיט קינסטלערישן טאַקט. דורך זיי ווייזט ער אונדז מענטשן און געשעענישן נישט בלויז אין זייער אַלגעמיינקייט, נאָר אויך אין זייער איינצלפאַל, אַריינטראָגנדיק אַ אינערלעכע דיפערענצירטקייט און פאַרביקייט אין דער גאַנצער באַוועגונג.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם בוך „יידן אָן געלע לאַטעס“, אַ שטריך, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון מחבר צו דער באַהאַנדלטער טעמע, און וועלכער טיילט אויס דאָס בוך פון אַלע אַנדערע אויף דער זעלבער טעמע, איז דער ספּעציפישער פאָרמלעכער נוסח פון אַ שמועס אין סאַמע מיטן. עס דאַכט זיך: דער מחבר אַליין געפינט זיך נאָך אַלץ ערגעץ הינטערוועגנס, פון ערגעץ געקומען און צו ערגעץ געשפּאַנט, און מיר גייען אים נאָך און הערן זיך איין אין אַ לעבעדיקן שמועס, וועלכן ער פירט. די גאַנצקייט פון אָט דער פאָרם, איר קינסטלערישע באַרעכטיקונג באַשטייט אין דעם, וואָס זי אַנטשפּרעכט פולקאָם דעם אינהאַלט. פאַר ה. סמאָליאַרן

איז די פּאַרטיזאַנקע, וועלכע ער שילדערט, נישט קיין זאַך, וואָס איז ווי אַ גאַנס אַראָפּ פונם הימל און ווי אַ גאַנס זיך אָנגעהויבן און גע־ענדיקט. סמאָליאַר ווייסט קלאָר די פאַרבינדונגען צווישן דער פּאַרטי־זאַנקע און דער אונטערערדישער אַרבעט פון אַמאָל און דעם שטענדיקן קאַמף פון פאָלק פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

— — — „ס'איז געווען אַ יאָר פון געוואַלטיקן סאָציאַלן אויפברויז אין פּוילן. צוזאַמען מיט די לאָדזשער און ביאַליסטאָ־קער טעקסטילער זיינען אין קאַמף אַרויס טויזנטער פּויערים פון גאַנצע פּאָוויאַטן. פון דאָרף צו דאָרף האָט זיך געטראָגן דער רוף: „צום ווידערשטאַנד“! דער שטאַב פון דער באַוועגונג איז געווען אין דער גרויסער ביאַלאָוויעזשער פּושטשע — — —

דאָס איז געווען אַן אָנהייב־שול פון אונזער שפּעטערדיקן פּאַר־טיזאַנער־קאַמף“.

מאַרילאַ דזשעקאַן איז מאַקע דעריבער איבערצייגט, אַז דאָס אַריינדרינגען אין געטאָ „באַדייט אַן ערד דאָס זעלבע, ווי דאָס אַריינדרינגען אין די יאָרן פון אונטערערד אין אַ סביבה, וווּ ס'איז גוטיק צו „האַלטן פּאַסאַן“, כדי צו טאָן אַ שליחות פון דער פּאַר־טיי“.

אַזאַ אופן פון צוגאַנג צום געטאָ מוז קומען צום אויסדרוק אין גאָר אַן אַנדער נוסח פון געשטאַלטיקן אים אין וואָרט.

אַפילו די דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט בילדלעך פון געטאָ, ווי אין „תחית־המתים“, „אונטער דער ערד“, „זיכערקייט“, „ביים ראַנד“ און אַנד. אָטעמען מיט גלויבן און זיי־נען דורכגעדרינגען מיט קעמפערישן גייסט. נישט נאָר עס קען דאָ קיין רייד נישט זיין פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, נאָר אַפילו העלדיש־קייט, ווי אַן אויסנאַם, ווי עפּעס ספּעציעלעס, וואָס דאַרף באַזונדערס אַרויסגעהויבן ווערן, לאָזט זיך נישט איינפּאַסן אין דער סביבה פון פאַרשווינען, פאַר וועלכע קאַמף איז דער המשך פון זייער פרי־ערדיקן לעבן, דער נאַטירלעכער אופן פון זייער עקזיסטענץ.

די אַלע איבעריקע מענטשן, וועלכע זיינען אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער דאָזיקער סביבה, ווי די משפּחה צעלניקעס, ווערן דורכגענומען פון אָט דער לופט.

אזוי אַרום שליסט אַן סמאַליאַר זיינע דערציילונגען — עפּי־זאָדן פון אַ שווידערלעכן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אַ פּעריאָד וועגן וועלכן ס'איז שוין אָנגענומען געוואָרן צו שרייבן ווי וועגן אַן אומגליק פון גאָט — אין אַ גרויסער קייט פון ווירדיקע מעשים, באַהויכטע מיט רעוואָלוציאָנערן מוט. ווייל אָנגע־הויבן האָט עס זיך נאָך אין ביאַלאָרוויעזשער פּושטשע און נאָך פרי־ער, אַזוי פרי, ווי פרי עס האָט עקזיסטירט אונדזער פאָלק, דאָס ווירק־לעכע פאָלק, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן בונט אין זיין האַרצן און קאַמף אין זיינע פויסטן קעגן יעדן אונטערדריקער און פאַרלוים־דער.

אַזאַ אַרט אויפנעמען די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן און אַזאַ אַרט שילדערן זיי הויבט אויף אומגעריכט דאָס בילד פון יענער צייט, טוט עס אויס פון געדיכטן שלייער פון מענטשלעכן עלנט און פאַרשעמונג, וועלכער פאַרשטעלט פאַר אונדז די וועלט, און עפנט אויף אַ ליכטיקע פּערספּעקטיוו פאַר אַ געמיינזאַמען גאַנג מיט אַלע מענטשן פון האַרץ צו שענערע טעג.

די טיפע מענטשלעכקייט, די אומפּאַרשטעלבאַרע פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל פאַרן צער פון אַ צווייטן, דער שטאַרקער געפיל פון צוגעבונדנקייט צום פאָלק, דער אומבויגזאַמער גלויבן אין זיג — גייט אויף פון יעדן עפּיזאָד ווי אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט פון דעם וועלט־באַנעם פון די העלדן, וועלכע סמאַליאַר פירט אַרויס אין דעם בוך.

דער מחבר שילדערט די דאָזיקע איידעלע מענטשלעכע געפילן און טאַטן אין אַרומרינגלונג פון דער חיהשער פאַרווילדרונג און קאַ־ניבאַליזם פון דייטשן אָקופּאַנט ווי כלאחד־יד, ווי אַ זעלבסט־פאַר־שטענדלעכקייט.

די האַפּערדיקע, כמעט זאַרגלאָזע שפּראַך, דער דינאַמישער, עקספּרעסיווער און איינער־לעך געשפּאַנטער סטיל אַנטשפּרעכן פול־קאָם דעם אינהאַלט, אַנטשפּרעכן די העלדן, וועלכע זיינען נישט און קענען נישט זיין פאַרצאַגט, פאַרמרה־שחורהט און באַרעדעוודיק, נאָר ווי מענטשן פון טאַט, ווי שלאַכט־לייט, רעדן זיי שפּאַרעוודיק, קורץ, נאָר פיל־באַדייטנדיק און מיט פאָלקסטימלעכן הומאָר.

דאָס בוך הויבט אויך אַרויס אַ שלל שטייגערישע מאָמענטן פון פּאַרטיזאַנער־לעבן, באַקענט אונדז מיט די שטימונגען פון די

פּאַרטיזאַנער אין פאַרשידענע סיטואַציעס, געבנדיק אונדז די מעגלעכקייט צו זען די דראַזיקע **נקמה־נעמער און שטאָלצע** זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק נישט בלויז אין די מאָמענטן פון זייערע העלדישע מעשים, נאָר אויך אין זייער טאָג־טעגלעכער אויפפירונג און אין זייער קעגנזייטיקער באַציונג. מיר דערזעען זיי נישט בלויז ווי פּאַרטיזאַנער, נאָר אויך ווי מענטשן.

סמאָליאַר ווייזט אונדז אויך אין דעם בוך גאַנץ בולט די סביבה, וועלכע האָט זיי דערצויגן. דאָס רעאַלע אָנבינדן זיי אין אַ קאָנקרעטער פאַרגאַנגענהייט מאַכט אויך קאָנקרעטער זייער קאַמף און באַזיגקט נישט בלויז זייער אייגן לעבן און טויט, נאָר אויך דעם גאַנצן גרויליקן פּעריאָד, נישט אויסלעשנדיק אַזוי אַרום יעדן אויסבליק פון אונדזער פאָלק ווייטער צו לעבן און קעמפן, וואָרום אָנבינדן אין אַ שטאָלצער קעמפערישער פאַרגאַנגענהייט הייסט אויך אָנבינדן אין אַ ליכטיקער זיגרייכער צוקונפט.

אפרים קאַגאַנאָווסקי

איינִיקע שטריכן

דאָס, וואָס באַווייזט גלייך פון ערשטן מאָמענט ביי אפרים קאַגאַנאָווסקין, איז זיין דיסקרעטער איינגעהאַלטענער טאָן, וועלכער בייב אויך פון א טיפן געמיט-צושטאנד. עפּעס איז פאַראַן אין דעם טאָן גלייכצייטיק פון געזונטער פרייד און שטילן טרויער, פון דרייסטער אָפנהארציקייט און האלב נישט דערזאָגטס, פון פאַרשייטס און צניעותדיקס. דאָס איז א טאָן, וואָס מאכט אויפרודערן, ווי מוזיק, פארבאָרגענע געפילן און דרימלענדיקע ליידנשאפטן.

קאַגאַנאָווסקי איז קיינמאָל נישט צודרינגלעך אין זיין שרייבן, זיינע העלדן האלט ער אין אויף א געוויסער דיסטאנץ פון לייענער, א דיסטאנץ, וועלכע זאָגט אָן, אז מען טרעט אריבער אין א צווייטער ספערע פון רעאליטעט, אין דער ספערע פון קונסט. די געשטאלטן און סיטואציעס פירט קאגאנאָווסקי זעלטן ארויס דירעקט און כמעט קיינמאָל נישט צוליב א פאָרויס באשטימטן מוסר-השכל. מערסטנטייל גייען זיי אויף ווי צופעליק פון הינטערן דעם טונקעלן און געהיימען נעפל פון לעבן, און בלויז ערטערווייז זיינען זיי באַלויכטן מיט אַ ווייך צאַרט ליכט. דאָס שאַפט פאָרמלעך א גוט און אָנגענעם מאָלעריש בילד און אינהאלטלעך — דאָס געפיל פון אוממיטלבארן אמת און נאטירלעכקייט.

ווען קאגאנאָווסקי פירט אוועק זיין לייענער איבער די פארשידענע פארפלאָנטערטע און פארנעפּלטע וועגן פון מענטשלעכן צוזאמענלעבן, דאכט זיך אָפּט, אז ער אליין בלאָנדזשעט אויך מיט צוזאמען אויס שארפן נייגיר צו דערגיין צו יענעם ארט, ווו יעדער

מענטש בלייבט שטיין אן אויסגעטועטער פון אלע זיינע געלעגנהייטס-מלבושים מיט א שעמעוודיקן, נאָר רואיקן שמייכל.

ס'איז באמת שווער צו זאָגן, פון וועלכער לײדנשאַפט איז קאַגאַנאָווסקי מער באַהערשט אין זיין שרייבן, צי פון כירורגישן באַגער אויפצושניידן אַלץ, וואָס איז פארבאָרגן פאַרן אויג אין די קאָמפּליצירטע באַציונגען צווישן מענטשן, אָדער פון דער פּרעציזער, קינסטלערישער אויספירונג פון דער אָפּעראַציע גופא. מערסטנטייל גיסן זיך ביידע צוזאַמען, און די מייסטערשאַפט פון דער אויספירונג אַנטהאַלט שוין במילא אין זיך דעם פּראָצעס פון אויפדעקן.

פאַכמענעריש - ערנסט און גלייכצייטיק שפּילעוודיק - פאַרליבט גראָבט זיך אונטער קאַגאַנאָווסקי אונטער די אויסערלעכע האַנדלונגען און אויפפירונגען פון זיינע העלדן און, אַנטבלויזנדיק זייערע אמתע וואָרצלען, טראָגט ער זיי אונדז צו מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט, כדי נישט צו פאַרלירן ביים איבערטראָגן די ברכהדיקע ערד, פון וועלכער זיי זענען אַרויסגעוואַקסן. קאַגאַנאָווסקיס העלדן קומען קיינמאָל נישט אַליין פון ערגעצוו, כדי אויסצופירן א געוויסע סאָציאַלע אָדער פּסיכאָלאָגישע שליחות פון זייער האַר דעם שרייבער און צוריק פאַרשווינדן, נאָר זיי קלייבן זיך איבער פון דער וואָרערווירקלעכקייט אין זייער נייער היים אויף די ענגע בלעטער פון בוך מיט זייער פאַרב און ריח, מיט זייער ערד און לופט, ווירקנדיק אַזוי אַרום ווייטער אין די געענדערטע באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ, ווי לעבעדיקע פּערסאָנאַזשן.

דעריבער מאַקע זיינען אפילו די עפּיזאָדישע געשטאַלטן, וועלכע קאַגאַנאָווסקי פירט אַרויס, מערסטנטייל טיפּן, פאַרשטייער פון גאַנצע שיכטן. און דעריבער אויך — נישט האָבנדיק קיין שום פאַרויסבאַשטימטע עטישע קאָנצעפּציע און נישט שטעלנדיק זיך קיין שום ספּעציעלע אויפגאַבן, אויסער ריין פּסיכאָלאָגישע און קינסטלערישע — דערהויבט זיך גאַנץ אָפט קאַגאַנאָווסקי צו געזעלשאַפטלעכע ווערטן פון א וויכטיקן סאָציאַל-עטישן באַדייט.

די טיפּן פון יידישן קליינבירגערלעכן שיכט און פון דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען געשילדערט ביי קאַגאַנאָווסקין טיף אינדיווידועל און זייער אָפט

אפילו בלויז אין איינצלנע באַריר־פּונקטן מיט דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, אָדער אין באַשטימטע איינצלנע פאַרהעלטענישן צווישן זיך — רעקן אויף דעם גאַנצן סאָציאַלן מהות פון זייער סביבה. דאָס איז: סנאָבישע נאָכמאַכעריי און אינגערלעכע פוסטקייט, געיעג נאָך עולם־הזהשע תענוגים, איינגעהילט אין פרומע רייד, און פולשטענדיקער מאַנגל פון פאַרשטענדעניש פאַר טיפערן מענטשלעכן יושר, וואָס איז צוגעדעקט פון דרויסן מיט צביעות פון שטייגערישע געוווינהייטן.

פון דער צווייטער זייט, גייען אויך ביי קאַגאַנאָווסקין די טיפן פון די וואַרשעווער אָרעמע געסלעך, די טרעגער־יונגן, בעקער־יונגן א. אַ. און אפילו די טיפן פון דער אונטערוועלט, די פולשטענדיק אַרויסגעשטויסענע פון דער „לייטישערער, באַלעבאַטישער געזעלשאַפט“ — ווי רויע, נאָר גאַנצע נאַטורן, וועלכע האָבן אן אינסטינקטיוון חוש פאַר מענטשלעכער ערלעכקייט און פריינטשאַפט און וואָס באַנעמען אויף זייער אייגנאַרטיקן אופן די צביעות פון די אײדעלע לייט. פון אונטער מגושמדיקע הויטן, פון שטייגערישן און עטישן כאַראַקטער, הויבט ארוים פאַר אונדז קאַגאַנאָווסקי אין די דאָזיקע פאַרשווינען דאָס צאַרטע און רירנדיק־מענטשלעכע, וואָס ליגט פאַרבאָרגן טיף, טיף אין זייערע הערצער און וואַרט אויף דעם געהעריקן תיקון.

די שטאַרקע איבערצייגלעכע קראַפט און דער אמת פון די דאָזיקע געשטאַלטן גייען אויף אין קאַגאַנאָווסקיס נאָוועלן אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ געוויקס פון דער ערד, און זיי ווערן דעריבער העכסט טיפּיש און באַלערנדיק.

נאָך איין שטריך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַגאַנאָווסקיס שאַפן. דאָס איז דער קלוגער קוהלתדיקער שמייכל, וועלכער רוט אויף אַלע זיינע ווערק, דער שמייכל פון אויסגעשטאַנענער און צייטיקער חכמה, וועלכע איז כולל אין זיך סיי פאַרליבטקייט אין דער וועלט, סיי יענע סטאָישע קלאָרקייט, ביי וועלכער מען נעמט אויף זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען, און דער עיקר, מען פרייט זיך מיט זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען. דער דאָזיקער שמייכל, קומענדיק צום אויסדרוק אין אַ געמיטלעכן גוטמוטיקן הומאָר, הויבט אויף קאַגאַנאָווסקיס נאָוועלן, וועלכע דערציילן וועגן בעווינלעכע טאָג־

טענלעכע געשעעענישן, אויף אַ געוויסער פילאָזאָפישער הויך, שאַפט די מחיצה צווישן דער רעאַלער. נאָך אָפטמאָל צופעליקער עקזיס־טענץ פון זאַכן אין ווירקלעכן לעבן און צווישן זייער איבערגע־דיכטעטער, נאָר גויטוועגדיקער עקזיסטענץ אין דער קונסט, — אַ מחיצה, אָן וועלכער עס איז נישט דענקבאַר קיין שום שעפערי־שער שוווּנג, קיין שום קונסט.

משה שולשטיין

פאַראַן דיכטער, וואָס זעען בלויז דאָס אַנדערשדיקע און אויסערגעוויינלעכע אין לעבן פון גרופּן און יחידים. פאַראַן אויך דיכטער פון א גרעסערער מדרגה, וואָס זיינען אימשטאַנד דאָס דאָזיקע אַנדערשדיקע און אויסערגעוויינלעכע צו דערזען און ארויסהייבן פון יעדער טאָג־טעגלעכער דערשיינונג, פון יעדער פּשוטער און וואָכיקער געשעעניש.

משה שולשטיין האָט פון זיינע ערשטע דיכטערישע שריט דערזען די וואָר גופא, די גרויע, געוויינלעכע וואָר, אזוי ווי זי איז, אין איר גאַנצער האַרבקייט און אַכזריות. אפילו די צייטנווייזע יום־טובדיקע אויפשוואונגען און דערהויבונגען, די אויפברויזן פון די געאייניקטע מאַסן פאַר פרייהייט, זעט שולשטיין אין זייער ווירקלעכער ארומרינגלונג פון דער גרויער וואָר, אויף וועלכער עס הויערן אומאויפהערלעך שווערע פּראָזאישע עולן, און וועלכע ווערט אומאויפהערלעך באַדראָט פון קאָנקרעטע פּראָזאישע געפאַרן. דער ראָמאַנטישער ווערטער־רעקוויזיט באַקומט אין שולשטיינס דיכטונג גאָר אַן אַנדערע באַשטימונג. די האַלבע לבנה, וועלכע איז ווי א זילבערן שיפל אַרומגעשוומען אין די בלויע הימלען פון דער אידילישער פּאָעזיע פון קליינעם שטעטל, גייט אויף ביי שולשטיינען פון אונטער דער פאַרוואָלקנטער וואר, ווי א האַשעק פון א פּאָליצייאיש היטל. דער פאַשיסטישער סאַנאַציע־רעזשים פון די דרייסיקער יאָרן לויערט פון אומעטום אויף דעם

פאַרביטערטן לעבן פון די אָרעמע יידישע וואַרשעווער גאַסן. און פון די אויסגעלאָשענע קיכן פון די יידישע אַרבעטער און בעל־מלא־כות, אויף וועלכע:

„עס בלייבן די טעפּ נאָר צענומען
מיט פאַרגעסענעם טעם פון געקעכץ
און שטייען, ווי ליידיקע ברונעמס,
ווי ברונעמס אין פינצטערע נעכט"

(„ברויט און בלוי" זייט 73)

גייט נישט אויף אין שולשטיינס ליד דער ערב־שבתדיקער ריח־ניחוח פון געפילטע פיש מיט פעטע אויסגעבריונטע טשאָ־לענטן, נייערט אַ קאַלטע פאַרע פון דערשטיקטן גרימצאָרן און פּראָטעסט.

משה שולשטיין איז נישט דער דיכטער פון דער יידישער אָרעמקייט, פון דער יידישער הילפלאָזער נויט, ער איז דער דיכ־טער פון דער יידישער אויפוואַכנדיקער אַרבעטערשאַפט, דער דיכ־טער „וואָס טראָגט אויס זיין וואָרט אין פויסט — אַ שאַרפן שפּיז", וואָס באַהעפט זיין פען מיט יענעם פענדזעל, פון וועלכן עס קומט אויף „דער רוף פון הויכע דראָטן".

דאָס יידישע אַרבעטנדיקע מוראַנאָוו, סטאַווקי, וואָמענהאָף א.א. פון פאַר דעם נייגאונגדרייסיקסטן יאָר האָבן זיך אויסגע־גאָסן אין די אָווגטן איבער אַלע טראָטואַרן און ברוקן, ווי פאַר־פלייצנדיקע טייכן. די טויזנטקעפּיקע בירזשעס פון די אומלעגאַלע פאַריינען — פון כעמישן, האָלץ, מעטאַל, האַנדלס־אָנגעשטעל־טע, מוליאַרעס, טעקסטילער און אַנדערע — האָבן, ווי פרילינגדיקע שטראָמען געריזלט דורך די וואַרשעווער נעכט מיט יונגן אימפּעט און האָפּעדיקייט. זיי האָבן נישט געוווסט, און נישט אַנערקענט קיין גרענעצן און הילכיק און דרייסט זיך דורכגערופן מיט דער גאָרער וועלט. אָבער אין זייער אימפּעט און האָפּעדיקייט האָבן זיי זיך נישט באַנוצט מיט קיין מליצהדיקע רייד. די אויסלייזונג פון דער וועלט איז פאַר זיי נישט געווען קיין משיחישער טרוים, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט און געבענקט, אַליין גאָרנישט טו־ענדיק; די דאָזיקע אויסלייזונג איז געלעגן אין זיי גופא און גע־

מוזט אויפגיין ווי אַ קערן פֿון דער ערד, אָבער, ווי אַ קערן, געפּאַדערט שווערע מי און אַנטשפּרעכנדיקע מעשים.

שולשטיין איז געקומען פֿון אָט די גאַסן און זייער אומגעטיקער פֿאַרוואַנדלונג, ווען:

„אַ ראָג אַהין, אַ ראָג צוריק — געטווישט איז דער שפּאַציר,
שעה־איין, שעה־אויס כסדר אויפֿן האַרטן טראָטואַר. —
אַ שפּאַציר פֿון לייבן פֿאַרשלאָסן הינטער טיר,
און שטייגן שווער־געקאָוועטע אין שטייגן ענג פֿאַרשפּאַרט“.

(„ברויט און בליי“, ז. 34)

זייערע טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע דאגות און זאָרגן, זייערע דרייסטע האָפֿענונגען און באַגערן זיינען געוואָרן די טעמע פֿון זיין ליד: אַרבעטסלאָזיקייט און שטרייקן, רויטע פֿענער און דעמאָנסטראַציעס, תּפֿיסה און אינטערוועניץ, בערזעס און עקאָנאָמישע קאַמפֿן — מיט איין וואָרט דאָס אַלץ, מיט וואָס עס האָט געלעבט און געאָטעמט דער יידישער און פּוילישער אַרבעטער פֿון לאַנד. שולשטיינס וואָרט איז דערביי געווען, פּונקט ווי דאָס וואָרט, וואָס מען האָט אויף די גאַסן געהערט: פּראָסט, האַרב, קאָנקרעט און אָנגעלאָדן מיט דער טיפֿער אחריות פֿון אַ ביז גאָר ערנסטער וואר. עס האָט נישט פֿאַרמאָגט אין זיך די אינערלעכע נערוועזיטעט פֿון מאָראַליש־פּאַטעטישער דיכטונג, עס האָט אויך נישט אַנטהאַלטן דעם מאָמענט פֿון עקזאַלטירטער דראָונג, עס האָט בלויז מיט פֿאַרביסענער אַנטשלאָסנקייט געשילדערט געוויסע אמתדיקע צושטאַנדן און באַדינגונגען פֿון אַרבעטנדיקן מענטש, אַרויסגעבראַכט די אַנטשפּרעכנדיקע שטימונגען פֿון זיין מיליע און דרייסט אונטערגעשטראָכן זיין קוק אויף דעם אַרום. דאָס איז געווען געוואָג, אַז אין דעם אויסערלעך פּשוטן, כּמעט פּראָזאַישן וואָרט, זאָל אויפֿגיין אַן אינערלעכע שיין פֿון סאָציאַלער אָנגעגליטקייט און אַ רעאַלע וואָרענונג פֿון אַ קראַפֿט, וואָס האָט זיך אַליין דערקענט, די קראַפֿט פֿון אַרבעטנדיקן מענטש:

,,היינט וועלן רויטע געוויטערס אַ רויש טאָן
אין אַלע אומענדלעך=צעוויקלטע ברייטן און לענגן
פון שפּאַנענדיק=פרייע געוואַגטע המונים, פון .
גאָנצע און ווייטע געברודערטע מענגעס —
איז דאָ דען אַ ברעג=ווו, אַז אָפּשטעל,
אַ צוים = וואַנט פאַר אונדזערע שטראָמיקע ענגע שערענגעס" —
(ברויט און בליי" ז. 27)

ס'איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס דער יידישער אַר=
בעטער אין פוילן פון פאַר דער לעצטער מלחמה האָט אין שול=
שטיינס דיכטונג דערפילט דעם אדעקוואַטן אויסדרוק פון זיינע
אייגענע געדאַנקען, איבערלעבונגען און האָפענונגען אויף דער
צוקונפט. שולשטיין איז געוואָרן בלוט פון זיין בלוט און פלייש
פון זיין פלייש. ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון ,,מאָרגן", און
דאָס האָט געהייסן דער ליבלינג פון דער רעוואָלוציאָנערער יידי=
שער אַרבעטערשאַפט אין גאַנצן לאַנד. שולשטיינס לידער, וועל=
כע האָבן זיך מערסטנטייל געדרוקט אין דער ,,ליטעראַרישער טרי=
בונע", אַרום וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע פּראָגרעסי=
ווע שרייבער און דיכטער פון יענער צייט, זיינען געוואָרן דער
לאָזונג פון טאָג. מען האָט זיי געלייענט און דעקלאַמירט אומע=
טום, ווו נאָר דער יידישער אַרבעטער איז געקומען הערן זיין איי=
גענע שטים אין דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון זיינע דיכ=
טער און שרייבער, כדי זיך אָנצונעמען מיט מוט און אויסדויער
צו ווייטערדיקע קאַמפן. אַזעלכע לידער שולשטיינס ווי ,,דער טאַטע
שטרייקט", ,,ווייסע בלוזן", ,,בערזע", ,,אַלטאַנע", ,,וועלף", ,,אויף
דער וואַך", ,,אינטערווענץ" און פיל אַנדערע האָבן נישט נאָר
אַריינגעטראָגן אַן אָפּפרישנדיקן הויך אין דער דעמאָלטיקער יידישער
דיכטונג פון פוילן מיט דער האַרבקייט און אָנגעלאָדנקייט פון זיי=
ער וואָרט, מיט דער ציל=אָנגעווענדקייט פון זייער געדאַנק, מיט
דער שלאָגפערטיקייט פון זייער פאָרם און גרויסער געזעלשאַפט=
לעכער ערלעכקייט, נאָר-זיי האָבן גלייכצייטיק דורכגעקלונגען ווי
שטורעמדיקע קאַמפס=רופן פון דער גאַנצער באַוווסטזיניקער אַר=
בעטערשאַפט.

דאָס שוידערלעכע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן
פאָלק בעת דער לעצטער מלחמה האָט ווי אַ פייערדיקע חוגד זיך צע=

גליט אין שולשטיינס דיכטונג פון דער לעצטער צייט. זייענדיק אליין אויסגעשטעלט יעדע רגע אויף דער גרעסטער געפאר צו ווערן אנטדעקט דורך די דייטשע תליינים און זייערע „ווישי"־משרתים, פארגעסט שולשטיין קיין איין רגע נישט אין דער פיין פון פוילישן יידנטום.

„ס'קומט יעדע נאכט באגלייטן מיך צו מיין געלעגער
דער צוג, וואס האט אייך אפגעפירט, איך הער זיין רוף,
וואס ווידערקולט, א לעצטער, ערגעץ אונטערוועגנס;
איך הער, ער פארט אריבער יעדע נאכט מיין גוף".

(„א בוים צווישן חורבות" ז. 34)

אין ווייטיק פון אט דעם אומגליק ווערט שולשטיינס ליד פאר־טיפט און געלייטערט. די פיין פון פאלק דערפירט נישט שולשטיי־נען צו יאוש און אויסוועגלאזן פעסימיזם, צו אנטוישונג אין מענטש בכלל און שנאה צו אלעמען. פארקערט, אויף דעם דורכגעמאכטן וועג פון פערזענלעכע שרעקן און אלגעמיינע מענטשלעכע יסורים דערהויבט זיך שולשטיין צו נייע נאציאנאלע און סאציאלע אמתן, און זייער אויבערפלעכלעכע שיינבארע סתירה לייזט ער אויף קאנ־קרעט דורך קינסטלערישן מאס. אויף דער פאן פון אן אינערלעכן באהעפט פון דער פארגאנגענהייט און קעגנווארט קומט אויף די אויסלייזונג פון ייד און מענטש גלייכצייטיק. שולשטיין דערזעט די פארבארגענע שיין פון מענטשלעכן גאנג, וועלכע איז מסוגל אין די פינצטערסטע צייטן צו טראגן א שטראל פון האפענונג:

— „ס'איז דא אין אש א פונק, וואס גייט נישט אויס!
פארגראבן ערגעץ אין דער טיף, באהאלטן, —
אים האט קיין לעשנדיקער כוח נישט דערגרייכט".

(„א בוים צווישן חורבות" ז. 167)

ווי א כוואליע אויף דער זון גיסט זיך איבער די גייסטיקע גבורה פון דעם רב ר' מענדל פון פאביאניץ און דעם שמיד מיט זיינע זין אין דער „באלאדע פון אלטן חנוכה־לאמפ" ביז צו די סאוויעטישע זעלנער־קאלאנעס, וועלכע, ציען זיך „ווי שטראלן צו פוילנס שוועלן". צווישן אלע שטערן, וועלכע האבן געלויכטן דער מענטשהייט זעט שולשטיין בולט איצט בלויז דעם איינעם „וואס

ביים ראַנד פון הימל אין מזרח פאַרבלייבט", דעם שטערן, וואָס לייכט אויפן קאָפּ פון רויט־אַרמייער:

„גרוס איך, רויטאַרמייער, אויף גאַסן פון מיין היים!
עס רייסן זיך די גראָזן און ווילן אייך דערגרייכן
און מיט אַ טרערן־פרייד אייך פאַלן אויפן האַלדז,
עס וויל וואַקסן צו אייך די זון פון אירע הייכן
און זיין צו אייער אָנקום די מאָס פון ברויט און זאַלץ".

(אַ בוים צווישן חורבות" ז. 25)

ער זעט די טיפע שייכותן צווישן יעדער מענטשלעכער דער־הויבונג און גייסטיקער גבורה פון אַלע צייטן און זייערע העכסטע קרוינונג אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, אין דעם לאַנד פון פעל־קער און מענטשן־פריינטשאַפט.

די דאָזיקע זעונג פירט זיין טיפן ווייטיק איבער דעם נאַ־ציאָנאַלן אומגליק פון זיין פאָלק אויף די פרילינגדיקע וועגן פון אַלגעמיין מענטשלעכער דערלייזונג, און במילא אויך פון דער דער־לייזונג פון זיין אומגליקלעך פאָלק:

„אונזער פאַן איז היינט צעפליקט,
— איר אָטעם־הויך זיך ווערגט און שטיקט —
פלאַטערט מער נישט אויבן,
נאָר עס איז איר יעדע צויט
אַ העלער שטראַל פון מאָרגנרויט,
וואָס שלאָגט אין אַלע שויבן.

(„אַ בוים צווישן חורבות" ז. 127)

אָדער:

„ס'קומט אָן אַ מענטש
אַ פּראָסטער מענטש מיט פּראָסטע קער־מכשירים.
און מיט אַ טאַשקע און אַ כוח און אַ קראַפט אין זיינע הענט...
ער קערט די גאַלע בלעטער און ער קערט
דער מענטש,
און ווי איך גלויב אין זיין, אין זון, אין ערד,
זיינען איצט אין גלויבן מיינע רייד צו אים געווענדט". —

(„אַ בוים צווישן חורבות" ז. 104)

אַזאַ און נישט קיין אַנדערער האָט געקאָנט זיין דער דיכטע־
רישער וועג פון משה שולשטיין, דער וועג פון אַ דיכטער, וועלכער
איז נישט בלויז געקומען פון די סאַמע געדיכטענישן פון פאָלק, נאָר
וואָס האָט מיט זיין ערשטן וואָרט זיך אויף אייביק פארקנסט מיט
אַלע זיינע פיינען און ליידן און גלייכצייטיק אויך מיט אַלע זיינע
שענסטע טרוימען און שטרעבונגען.
דאָס איז דער איינציקער אמתער וועג פון דינען דעם פאָלק.

„די יידן פון בעלוויצ" פון ב. שלעווין

אין דער ליגקער שרייבער־גרופּע, וועלכע איז אנטשטאנען אין די דרייסיקער יאָרן אין ווארשע, האָט דער יונגער פּראָזאיקער בנימין שלעווין שוין מיט זיינע ערשטע דערציילונגען געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. שלעווינס דערציילונגען האָבן פון סאמע אָנהויב געהאט א באשטימטע אייגנארטיקע פאָרם און א באשטימטן אייגנארטיקן נוסח. ווי אן עכטער פּראָזאיקער, האָט ער נישט בלויז יעדן העלד זיינעם געגעבן דורך זיינע קאָנקרעטע נויטווענדיקע מעשים, און די מעשים גופא נישט בלויז ארויסגעהויבן אין זייער טיפן אינערלעכן צוזאמענהאנג, נאָר אלץ צוזאמען אליין דערזען און געמאכט אנדערע זען אין דער אייגנטימלעכער אטמאָספער, אָן וועלכער עס איז נישט מעגלעך דער אינטימער קאָנטאקט צווישן שרייבער און לייענער.

די בלויזע שילדערונג פון געשעענישן, אָדער פון מענטשלעכע האנדלונגען, ווען אפילו די דאָזיקע געשעענישן און האנדלונגען זיינען לאָגיש און פסיכאָלאָגיש באגרינדעט, קען אין בעסטן פאל אונדז געבן א ווארשיינלעך בילד וועגן א לעבן, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז און בלייבט אויסער אונדז. די ספּעציפישע הויפּטאויפגאבע פון קונסט אָבער אין אלע אירע זשאנרן באשטייט גראָד אין מאכן אונדז אזוי אייגן און אינטים איבערלעבונגען און געשעענישן, וואָס געפינען זיך אויסער אונדז, פונקט ווי זיי זאָלן האָבן מיט אונדז אליין געטראָפן. בלויז אין דעם פאל איז די קונסט אימשטאנד צו דערגרייכן איר אייגנטלעכן ציל פון עמאָציאָנעל איבערדערציען דעם מענטש, א ציל צו וועלכן מען קומט צו אמנאָענטסטן נישט דורך אויסערלעכער אויפקלערונג, נאָר דורך אי־

נערלעכער זעלבסטדערפאַרונג. און קונסט, עכטע קונסט, הויבט זיך פּאַקטיש אָן דאַן, ווען דער געברויכער הויבט אָן דאָס אויסגעדיכטעטע אין ליד, צי אין פּראָזע, איבערלעבן נישט בלויז ווי סתם אַ ווירקלעכקייט, נאָר ווי אַן אייגענע ווירקלעכקייט, ווי אַ זעלבסטדערפאַרונג. כדי דאָס צו דערגרייכן, איז נישט גענוג בלויז צו שילדערן דעם מענטש און דערציילן וועגן אַלע זיינע איבערלעבונגען, איז נישט גענוג בלויז צו באַשרייבן די אָדער יענע געשעעניש, נאָר עס פאָדערט זיך, אַז דער קינסטלער זאָל אַרויסהייבן די אַטמאָספער, דעם קלימאַט, אין וועלכן דער מענטש אָדער די געשעעניש קומט אויף. מיר שטעקן זיך דאַן אָן מיט דער טעמפּעראַטור פון יענער ווייטער — אין צייט, אָדער אין שטח — באַשרייבונג, און מיר דערפילן זיך ווי מיטבאַטייליקטע אין אַלע איבערלעבונגען און האַנדלונגען.

ב. שלעווין האָט פון דער ערשטער מינוט באַוויזט די נויטווענדיקע פאַר יעדן קינסטלער אייגנשאַפט אַרויסצוהייבן מענטשן און געשעענישן צוזאַמען מיט דער אַטמאָספער, וועלכע רינגלט זיי אַרום. אין זיין ערשט בוך „צווישן ווענט", דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1933, גייט אויף די צייט פון דער „סאַנאַציע" אין פּוילן נישט בלויז דורך דער טעמאַטיק פון די נאָוועלן, דורך די איבערלעבונגען פון די מענטשן, וועלכע ווערן דאָרט געשילדערט, אָדער דורך די געשעענישן, וועלכע קומען דאָרט פאָר, נאָר דער עיקר דורך אַ באַשטימטער אַטמאָספער, וועלכע עס גיט זיך איין דעם מחבר צו שאַפן, אַן אַטמאָספער, וואָס דרינגט אַדורך ווי לופט יעדע נאָוועלע און איז זייער אייגנטימלעך און כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט. דער ברוינער שאָטן פון דער „סאַנאַציע" איז אויסגעשפּרייט איבער פּוילן, און אויף אַלץ וואָס געשעט פאַלט זיין שווערע אָפּשיין. דער שרייבער פאַרשפּאָרט אונדז אינגאַנצן צו אַגיטירן קעגן דעם „סאַנאַציע"־רעזשים, ווייל דורכגענומען מיטן קלעמענדיקן טרויער פון דעמלטדיקן לעבן, וועלכער שאַפט דעם פּאָן פון יעדער נאָוועלע, איז שוין במילא אַלץ אין אונדז אָנגעשטעלט קעגן. די טרויעריקע פּאַסירונגען, וועלכע שלעווין שילדערט אונדז, קומען דאַן אויף פאַר אונדז נאַטירלעך און נאָענט, ווי מיר זאָלן זיי האָבן אַליין דורכגעלעבט.

ב. שלעווינס לעצטער גרויסער ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל", דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1948, איז אַ פּראָזע־פּאָרמעסט פון

גאָר ברייטן פאַרנעם צו געבן אַן ארומפאַסנדיק בילד פון דער ייִדיש - פּוילישער עמיגראַציע אין פראַנקרייך, אָנהייבנדיק פון דעם סאמע אנטשטיין פון דער פּוילישער מלוכה אין די צוואַנציקער יאָרן ביזן סוף פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין אייראָפּע. צוליב אָט דער ברייטקייט פון פאַרנעם, וועלכע איז מחייב א שלל פון פּערסאָנאַזשן און געשעענישן, ליידט צייטנווייז די פולע געשטאַלטיקונג פון דעם, אָדער יענעם טיפּ. אין דער שילדערונג פון די געשעענישן קומען אויך פון צייט צו צייט שטעלן פון ריין אינפאָרמירנדיקן כאַראַקטער. אויך די שפּראַכלעכע און סטיליסטישע זייט פון ווערק פאַראַט אָפּט אַ באַשטימטע אייליקייט.

פיל פאַרטיפטער פּסיכאָלאָגיש און קינסטלעריש זיינען געגעבן זשאָזעף העכט, רוזשעלע זיין פרוי, זשאקל, בעמיעלע, קריינדל און דער עיקר דער הויפּט - העלד פון גאַנצן ווערק גרינבערגער. דער לעצטער וועלכן דער מחבר פירט דורך אין גאַנצן בוך, דעקט אויף מיט זיך דעם אינערלעכן מהות פון א גאַנצן שיכט, פון קליינבירגערלעכן ייִדישן שיכט, מיט זיין גאַנצער געלט - גיריקייט און סנאָביזם און גלייכצייטיק מיט אלע זיינע וואַקלענישן און אינערלעכער געשפּאַנטקייט.

אין דער שילדערונג פון בעני גרינבערגער, טיילווייז אויך פון זשאָזעף העכט און פון רוזשעלע, איז אויפגעקומען די שרייבערישע מעגלעכקייט פון בנימין שלעווין אויסצוגעפונען דעם קינסטלערישן סינטעז צווישן דעם אינדיווידועלן און טיפּישן, צו דערגרייכן צו דעם קינסטלערישן אמת, אז וואָס מער עס ווערט א טיפּ אינדיווידואַליזירט, וואָס מער ער דעקט אויף זיין אינערלעך - פּסיכאָלאָגיש געשטאַלט אלס יחיד, אלץ מער דעקט ער אויף דערמיט גופא דאָס וועזנטלעכע און כאַראַקטעריסטישע פון זיין גאַנצן שיכט. דורך בעני גרינבערגער, זשאָזעף העכט, רוזשעלע א. א. גיט שלעווין אַן אויסשעפּלעך בילד פון דעם טייל פון דער ייִדיש - פּוילישער עמיגראַציע, וועלכע האָט פון דער אלטער היים מיטגענומען בלויז שטימונגען פון יורדישקייט, אידעאָלאָגיקייט און גייעג נאָך עשירות. פונקט ווי דער מאָטיוו פון זייער ערשטן אנטלויפן איז געווען באַדינגט אויסשליסלעך פון ריין פּערזענלעכע, עגאָיסטישע סיבות, פונקט ווי זייער ערשטער טריט איז נישט געווען געשטערט פון קיין שום מאָראַלישע הערמונגען, אַזוי האָט אויך אין זייער גאַנצן ווייטערדיקן לעבן דאָמינירט דאָס ריין פּערזענלעכע און

עגאָיסטישע, פריי פון אַלע מענטשלעכע און עטישע פרינציפּן. די זעלטענע אינערלעכע וואקלונגען אין דער ריכטונג פון א מער מענטשלעך געפיל, די בלאסע און קורצע אויפבליצן פון געוויסנביסן קומען אויף ווי אַ סענטימענטאַלע רעמיניסצענץ, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך יעדן קליינבירגער, און פאַרגייען באַלד אָן שום שפּור.

דעם דאָזיקן טייל פון דער יידיש-פּוילישער עמיגראַציע האָט שלעווין אנטקעגנגעשטעלט מענטשן פון גאָר אן אנדערן שניט, מענטשן, וואָס זייער פארלאָזן די אלטע היים איז פארבונדן געווען מיט דער פּאָליטישער, אָדער עקאָנאָמישער סיטואַציע אין לאַנד. די דאָזיקע מענטשן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך טראַדיציעס פון אידעישע קאמפן פאר א בעסערן מאָרגן, אָדער, צום ווייניקסטן, א טיפע, אינערלעכע, אָפטמאָל אפילו נישט באוווסטזיניקע אומצופרידנקייט מיט דער אָרדענונג, וועלכע לויערט אויף זיי שטענדיק מיט נויט און געפארן. די מענטשן האָבן אין די נייע באַדינגונגען ווייטער פאָרגעזעצט זייער אלטן קאמף, האָבן זיך נאָך מער געפעסטיקט אין זייער פראקטישער ארבעט, האָבן זיך נאָך מער געפעסטיקט אידעאָלאָגיש. פון די דאָזיקע מענטשן זיינען אויפגעקומען די העלדן פון די פרייהייטס-קאמפן אין שפּאַניע. זייער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, זייער אוממיטלבארע טיף-מענטשלעכע סימפּאַטיע פארן שפּאַנישן פאָלק שילדערט שלעווין מיט פיינער עקספּרעסיע און רעאליסטישער פּלאַסטישקייט. די הייסע נערוועזע שטימונג פון דער יידישער אָרעמקייט אין יענער צייט אין בעלוויל איז רירנדיק מיט איר טיפער הומאַניטאַרישקייט. פון די זעלבע מענטשן זיינען אויך אויפגעקומען די העלדן פון רעזיסטאַנס, פון ווידערשטאַנד קעגן דער היטלערישער בעסטיע. די אָנגעקליבענע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון „מוראנאָווער דזשעלניצע“ האָט אויפגעריסן מוטיק און ווירדיק אויף די גאַסן פון פּאַריז און אין די שיינע קינסטלעריש-קולטווירטע וועלדער אין לאַנד פון דער שיינער מאַריאַנא.

מען מוז אָבער זאָגן אַז די פּאָזיטיווע טיפּן זיינען ביי שלעווינען אויפגעקומען א סך אַלגעמיינער.

אמת, זשאקל, בעמיעלע און קריינדל, די טייערע יאטן און יאטעכעס, וועלכע זיינען שטענדיק גרייט זייערע יונגע לעבנס מקריב צו זיין פאר דער „זאך“, און וואָס פאָרם די „זאך“ זאָל זיך נישט אנקליידן, זיינען געגעבן פון שלעווינען ווי אינערלעך-די-

פּערענצירטע, באַזונדערע טיפּן. כ'וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז זיי זייַנען געגעבן ווי אין זיך פאַרענדיקטע געשטאַלטן. זיי זייַנען אָבער דאָך נישט אַזוי פּולקאָם און אַלזייטיק פּסיכאָלאָגיש אינדיווידואַליזירט, אַז זייער נאַטירלעכע רעוואָלוציאָנערישקייט, אוממיטלבאַרע קאמפּס-גרייטקייט און אידעאַליזם, זאָלן אויפקומען ווי דער טיפּישסטער אויסדרוק פון זייער שיכט מיט דער זעלבער נויטווענדיקייט, ווי די געלט-גיריקייט און דער מגושמדיקער עגאָיזם פון א בעני און זשאָזעף, אָדער די פּוסטקייט פון א רוזשעלע.

און דאָך איז שלעווינען געלונגען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קאָנסעקווענטקייט נישט בלויז לויט זייערע סאָציאַלע טענדענצן אויסטיילן די צוויי שטראָמען אין דער יידישער עמיגראַציע, נאָר, וואָס איז פאַר אַ קינסטלעריש ווערק פיל וויכטיקער, אויסטיילן זיי לויט זייער גאַנצער מיליע-שטימונג און לויט זייער אינערלעכער אַטמאָספער. די דאָזיקע ספּעציפישע שטימונג און כאַראַקטעריסטישע אַטמאָספער וואַקסט אָן אין בוך פון בלעטל צו בלעטל, און דערגרייכט אין דער צווייטער העלפט, אין דעם טייל, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דעם פרייוויליקן אָנטייל פון די בעלווילער יידן אין קאמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט, צו א בולטער געדיכטער שילדערונג און קלאָרער, וואַרהאַפטיקער בילדלעכקייט. מיר באַקומען א פאַרגאַנצט איבערצייַגעוודיק בילד נישט בלויז פון דער לאַגע, וועלכע האָט געהערשט אין יענער צייט אין פראַנקרייך, נאָר אויך פון מענטשלעכע שטימונגען און מענטשלעכע צושטאַנדן. מיר הויבן אָן די געשעענישן נישט בלויז צו זעען נאָר אויך צו דערפילן, זיי ווערן פאַר אונדז אייגענע איבערלעבונגען.

שלעווינס צוויי ביכער, וועלכע זייַנען דערשינען אין פּאַריז אין די יאָרן 1937 און 1938, „גרויע פּראָפילן“ און „דער מאַרש אויף בריסק“ זייַנען אין זייער טעמאַטיק נאָענט אָדער צו „צווישן ווענט“ אָדער צו די „יידן פון בעלוויל“. זיי שילדערן אָדער דאָס לעבן פון דער יידיש-פּוילישער עמיגראַציע אין פראַנקרייך — („גרויע פּראָפילן“), אָדער דאָס לעבן פון ווייסרוסישן דאָרף און די אויסזיכטלאָזע לאַגע פון דער יידישער יוגנט אין ווייסרוסישן שטעטל אונטער דער ממשלה פון דער סאַנאַציע („דער מאַרש אויף בריסק“). „דער מאַרש אויף בריסק“ איז איינס פון די געציילטע ווערק און אפשר דאָס איינציקע אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ברענגט אַרויס מיט אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזוי פיל מענטש-

לעבן און קינסטלערישן אמת דאָס לעבן פון דער יידישער און ווייסרוסישער אָרעמקייט אין די „מזרח = קרעסן“ אונטער דער הערשאפט פון דער „סאנאציע“.

פון זיין ערשטן בוך אין 1933 ביז זיין לעצטן אין 1948 איז שלעווין געוואַקסן זייער שטאַרק אַלס פּראָזאַיקער, סיי לויט דעם אומפאנג פון די געשטאלטן און פון די געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע ער באריירט אין זיינע ווערק, סיי לויט דער קלאָרקייט און פארטייפטקייט, מיט וועלכע ער ברענגט זיי ארויס און סיי לויט די קינסטלערישע מיטלען מיט וועלכע ער מאכט זיי אונדז נאָענט און אייגן. אָבער גלייכצייטיק איז די עיקרדיקע ריכטונג פון שלעווינס ליטעראַרישער שאַפונג אין משך פון דער גאַנצער צייט נישט געבראָכן געוואָרן. סיי געזעלשאַפטלעך, סיי קינסטלעריש איז שלעווינס ליטעראַרישער וועג פון זיין סאמע אָנהויב אן אָרגאַניש גאנצער און אינערלעך געאייניקטער. געזעלשאפטלעך — איז שלעווין אין שטענדיקער פארבינדונג מיטן פאָלק, מיט זיינע דערהויבענע און וואָכיקע טעג, מיט זיינע שווערסטע איבערלעבונגען און וואַנדערונגען, קינסטלעריש — איז זיין וואָרט פון דער ערשטער מינוט אָנגעלאָדן מיט שטימונג, וואקסט ארויס פון לעבעדיקע וואָרצלען, וועלכע שפּייזן עס אומאויפהערלעך מיט פעטע זאפטן. עס האָט דעריבער זיין איינגאַרטיקן קאָליר און זיין איינגאַרטיקן טאָן.

די געטא־נאָוועלן פון ישעיהו שפּיגל

ווי קאָמפּליצירט עס זאָל נישט זיין אַ געוויסער מעכאַנישער אָביעקט, איז דער אופן און סכום פון לייסטונגען, וועלכע ער איז בכוח אַרויסצוברענגען, אויסגעמאָסטן און באַשטימט. דאָס איז גורם דערצו, אַז ווי נאָר מיר דערקענען אים ביזן סוף, אַזוי ווערן מיר לגבי אים רואיק און אין אַ באַשטימטן זין גלייכגילטיק.

דאַקעגן שטראַלט אויס פון זיך יעדע לעבעדיקע דערשיינונג, ביי איר גאַנצער ספּעציפישקייט און אייגנאַרטיקייט, ביי דער גאַנצער זעלבסטבאַשטימונג פון איר אייגענעם כאַראַקטער, אַ געוויסע ספערע פון אומדערוואַרטקייטן און שיינבאַרע צופעליקייטן, וועלכע וועקן אומאויפהערלעך אונזער אויפמערקזאַמקייט צו איר מיט אומרואיקער שפּאַנונג און מאַכן זי אונדז עמאָציאָנעל נאָענט.

דער סוד פון יעדער קינסטלערישער איבערצייגונג און באַווירקונג ליגט אין דער פעיקייט פון קינסטלער די דאָזיקע ספערע, וועלכע איז פאַרשידן פאַר יעדער דערשיינונג באַזונדער, אוממיטלבאַר אַרויסצוהייבן, ווי די כאַראַקטעריסטישע אַטמאָספער פון דער געגעבענער דערשיינונג.

אין זיינע דערציילונגען פון געטאָ האָט ישעיהו שפּיגל רעאַליזירט אָט די וווּנדערלעכע קינסטלערישע אייגנשאַפט אין אַ טעמע, וואָס איר אויסטערלישע אויסערגעוויינלעכקייט האָט שוין נישט איינעם פאַרפירט אויף דעם וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד, ווען דער שרייבער פאַרלאָזט זיך אויף דער בלויזער באַרעדעוודיקייט פון פאַקטן. כ'מיין, אַז ס'וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז י. שפּיגל איז איינער פון די געציילטע, נישט בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן שוידערלעכע

פאַקטן, וואָס גייען אַרויס פון יעדן גדר פון מענטשלעכע באַגריפן, קינסטלעריש גובר צו זיין, דערהויבן צו אָביעקטן פון קינסטלערישער שילדערונג.

ווען די איבערלעבונגען פון די ייִדן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע און זייער שוידערלעכן סוף, האָבן שוין פיל געשריבן און נאָך מער וועלן נאָך שרייבן. אָבער מערסטנטייל פון דעם, וואָס איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דעם געביט, באַהאַנדלט אויסשליסלעך די גרויליקע טאַטן פון די היטלעריסטישע חיות לגבי די ייִדן, און ווען אפילו צייטנווייז — די ליידן פון די ייִדן גופא, — איז בלויז פון זייער אויסערלעכער זייט, פון איבערדערציילן די שרעקלעכע פאַקטן.

די פאַרשידענע גבית-עדותן, זאַמלונגען פון דאָקומענטן, פּרוּוון פון סינטעטישע געשיכטלעכע איבערזיכטן און פערזענלעכע זכרונות פון דער דאָזיקער שוידערלעכער אומקום-צייט האָבן בלתי-ספק אַ קאָלאָסאַלן ווערט פאַר דער געשיכטע. זיי גרייטן צו דעם מאַטעריאַל פאַר דעם צוקונפטיקן ייִדישן און נישט-ייִדישן היסטאָריקער און אויך פאַר דעם ייִדישן קינסטלער, וועלכער וועט וועלן אויפלעבן אין זיין פאַנטאַזיע די דאָזיקע גרויל-צייט אין דער געשיכטע פון פאָלק.

פון אָט דער פאַרצייכענונגס-ליטעראַטור איז נישט אָפּגעשטאַנען די ייִדישע דיכטונג, וועלכע האָט פון דער ערשטער מינוט זיך באַמיט איבערגעבן די פּיין פון פאָלק. איר אוממיטלבאַרער וויטיקלעכער אויסגעשריי האָט זיך דערהערט גלייכצייטיק פון אומעטום, ווו נאָר אַ ייִדישער דיכטער האָט נאָך געלעבט, און דאָס ייִדישע וואָרט האָט געהאַט די מינדעסטע מעגלעכקייט קומען צום אויסדרוק. פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרפן פאָר, אַז די ייִדישע דיכטונג האָט נישט געפונען די געהעריקע פאָרם פאַר אָט דעם גרעסטן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם פאָלק. אָבער צי איז דען דאַן געווען אַ צייט פאַר פאָרם-זוכענישן? דער גרויסער וויטיק רעדט תמיד מיט דעם סאַמע פּשוטסטן לשון. און דער ייִדישער דיכטער האָט קודם כל אויסגעשריגן דעם וויטיק פון זיין פאָלק פּראָסט און אוממיטלבאַר. דאַקעגן האָט די ייִדישע פּראָזע, ווי געשראָקן זיך צוצוטרעטן צו דער דאָזיקער טעמע. די מערהייט פּראָזאַיקער האָבן זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס פּראָזע, לויט זייער מיינונג, דאַרף האָבן אַ געוויסע פּערספּעקטיוו אין צייט, כדי צו קאָ-

נען געבן אַ קינסטלערישן תיקון דעם אַלץ, וואָס איז געשען. די נאָענטקייט פון צייט פאַרוואַנדלט די געשעענישן אין סוביעקטיווע איבערלעבונגען פון שרייבער, וועלכע שטערן אים צו געבן אָביעקטיווע און רעליעפע שילדערונגען, וואָס איז דער אייגנטלעכער מהות פון פּראָזע. אָנשטאָט קינסטלערישן שטאָף פון אַ דויערהאַפטיקן ווערט, וועלן זיך באַקומען באַשרייבונגען פון פּערזענלעכע געפילן מיט אַן איבערפלעכלעכער סענטימענטאַלער באַפאַרבונג.

ישעיהו שפּיגל האָט מיט זיינע דערציילונגען וועגן געטאָ באַוויזן, אַז די דאָזיקע מיינונג איז נישט אינגאַנצן קיין ריכטיקע.

איבערלעבנדיק אַליין דעם גיהנום פון היטלערישער אָקופּאַציע און פאַרשידענע היטלעריסטישע טויט-לאַגערן, האָט שפּיגל דער שרייבער, אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אויפגעהיט די שרייבערישע פעיקייט פון קאָנען גלייכצייטיק מיט אַ קינסטלעריש און אָביעקטיוו אויג באַאָבאַכטן ווי מן-הצד סיי זיך, סיי אַנדערע. שפּיגל דאַרף נישט אָנקומען צו ספּעציעלע וויכטיקע געשעענישן, כדי אויפצודעקן דעם שוידער פון דער צייט, דער דאָזיקער שוידער קומט אויף ביי שפּיגלען פון יעדן מינדעסטן שטייגערישן דעטאַל, וועלכן ער שילדערט מיט אַן אינערלעכן געצוימטן ווייטיק און אויסערלעכער כמעט עפּישער רואיקייט, קומט אויף פון יעדן מינדעסטן פאַקט, וועלכער האָט אין פלוג קיין שום דירעקטן שייכות נישט מיט די גרוילטאַטן פון יענער צייט. דער דאָזיקער עכטער פּראָזאַאישער מעטאָד אַרויסצוהייבן דאָס וועזנטלעכע און אַלגעמיינע בילד דורך אַן איינצלנעם כאַראַקטעריסטישן דעטאַל, אַ מעטאָד, וועלכער איז אייגן יעדן אמתן קינסטלער, איז די ווירקלעכע סיבה דערפון, וואָס אין בוך גייט אויף פאַר אונדז נישט נאָר דער אויסערלעכער אויסזען פון יענער צייט, נאָר אויך די אינערלעכע איבערלעבונגען פון יעדן מענטש און די הערשנדיקע שטימונגען פון יענע טעג, גייט אויף די אַטמאָספער פון געטאָ, אין וועלכער די יידן האָבן געלעבט טאָג-טעגלעך און נישט נאָר בעת אַן „אַקציע“, די אַטמאָספער, וועלכע ס'האָט אונדז נישט געקאָנט געבן קיין שום גבית-עדות, קיין שום פאַרצייכענונג פון יענער צייט און וועלכע האָט געוואַרט אויף איר תיקון דורך אַ קינסטלערישער פעדער.

דאָס, וואָס רודערט אונדז אויף ספּעציעל אין שפּיגלס געטאָ-דערציילונגען, וואָס דרינגט אַדורך מיט אַזאַ טיפן אומעט אונדזער גאַנץ געמיט, איז דער אייגנאַרטיקער באַהעפט צווישן דער אויסער-

לעד באהערשטער, שיעור נישט קאַלטער פאָרם און אינערלעך-
טיפן, שטאַרק־צעוויטיקטן געפיל. עפּעס דאַכט זיך אונדז אויס, אַז
מיר זעען דאָס אַלץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען, דורך אַ גרויסער
און קלאָרער קינדערישער טרער, וועלכע דער אויטאָר באַמיט זיך
די גאַנצע צייט איינצוהאַלטן אין זיך, כדי נישט צו פאַרשטעלן
דאָס לעבן, וואָס ער לאָזט פאַר אונדז אויפגיין, מיט דעם מינדעסטן
שאָטן פון אייגענער באַציונג. דאָס מאַכט נאָך וויכטיקער און פייער-
לעכער יעדע מינדעסטע געשעעניש און הילט זי איין גלייכצייטיק
אין אַן אויסערגעוויינלעכער צאַרטקייט און שטילקייט. די געשיכ-
טעס, אין פלוג אומבאַדייטנדיקע, וועלכע שפּיגל דערציילט, ווערן
אונדז מיטאַמאָל אין איינער און דער זעלבער צייט אַזוי נאָענט און
ווייט, אַזוי וואָכעדיק און הייליק, ווי די געשיכטעס פון דער ביבל.
דער פאַרגרעבטער. מגושמדיקער ייד יאָסי בער, וואָס וויל נישט
פאַרלאָזן זיין ערד; דער דעמביק-צעוואַקסענער יונג סענדער, וועל-
כער פאַרשטייט מיט זיין געזונטן פּראָסטן שכל, אַז מען דאַרף זיך
ראַטעווען; די רירנדיקע צאַרטע קינדערלעך, אומעלע, פערעלע און
מענדעל, וועלכע קוקן אַרויס בגנבה מיט גרויסע פאַרבענקטע אויגן
דורך די מינדעסטע שפּעלטעלעך און בוידעם אויף דער גרויסער
פרייער וועלט און חלומען אויס אין זייער קינדערשער צעהיצטער
פאַנטאַזיע אַ פיצעלע ברויט אין אַ צווייגעלע גרינס; דער פאַריי-
זאַמטער יידיש-דייטשער מוזיקער היינץ פרידריך לעווי, ווי אויך
די אַלע איבעריקע מענטשן טוען אין פלוג געוויינלעכע, אונדז אַלע-
מען פאַרשטענדלעכע זאַכן, גייען אַרום אין נאָענטע און היימישע
גאַסן, און דאָך זעען מיר באַשיינפּערלעך זייער וועלט אַזאַ אוים-
מערליש ווייטע און פרעמדע, אַן אָנגעפּולטע מיט גאָר אַן אַנדער
ליכט און גאָר אַן אַנדער לופט, ווי דאָס לאַנד פון סדום ועמורה
אין אונדזערע קינדער-יאָרן.

דערגרייכנדיק דאָס, האָט י. שפּיגל דערגרייכט דאָס עיקרדיקע.
ער האָט אונדז דערמעגלעכט צו דערזען די פולשטענדיקע אַנדערש-
קייט פון געטאָ, צו דערפילן איר ספּעציפישן ריח, צו דערהערן איר
באַזונדערן אָטעם.

יעדע קינסטלערישע דערהויבונג פון פאַקטן און געשעענישן
קען זיין, אין אַלגעמיין גענומען, אַ צווייאיקע. זי קען דערהויבן די
איינצל-דערשיינונג פון איר שיינבאַרער צופעליקייט און בלינדער

גורלדיקייט צו געזעלשאַפטלעכער און געשיכטלעכער נויטווענדיקייט, אַנטפּלעקנדיק פאַר אונדז די וואָרצלען און דעם צוזאַמענהאַנג פון געשעענישן.

זי קען אויך אויפדעקן אין דער איינצל־דערשיינונג גופא פאַרהוילענע פאַר אונדז שטריכן, וועלכע זיינען נישט בלויז די וועזנטלעכסטע פון דער געגעבענער דערשיינונג, נאָר וואָס דערהויבן זי צו טיפּישער פּאַראַלגעמיינערונג, צו אַן אויסדרוק פון אַ גאַנצן כלל.

פאַר י. שפּיגלס נאָוועלן איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש דאָס לעצטע. דורך אַ טיפערן אַריינבליק אין די איבערלעבונגען פון יחיד גיט זיך י. שפּיגלען איין אויפצודעקן געפילן טיף מענטשלעכע, וואָס כאָטש זיי זיינען נישט שכיח אין דער געגעבענער סביבה און אין דער געגעבענער צייט, זיינען זיי דאָך אַ פיל טיפערער אויסדרוק פאַר אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן שיכט, אָדער פאַר אַ גאַנצן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו פון אַ ווייטערער, מער אָביעקטיווער פּערספּעקטיוו.

אזא איז די עלטערע גלויביקע הויז־דינערן מאַריאַננאַ שיוועק אין דער שיינער, מענטשלעך־דערהויבענער און קינסטלעריש־וואָרהאַפטיקער נאָוועלע „די משפחה ליפשיץ גייט אין געטאָ“. דער שווערער אינערלעכער געראַנגל אין דער נשמה פון דער דאָזיקער טיף גלויביקער קריסטין צווישן די פאָרשטעלונגען וועגן יידן, וועלכע עס האָבן איר איינגערעדט פון דער קינדהייט די פאָרשטייער פון דער קירך און דער הפקרער דרויסן, און צווישן דערווירקלעכקייט, אין וועלכער זי לעבט, רופט אַרויס אין איר פשוטן מוח ווייטיקלעכע מחשבות. איר ערלעך האַרץ רעאַגירט אוממיטלבאַר אויף די ליידן פון די אָרעמע יידן, מיט וועלכע זי האָט זיך צונויפגעלעבט, און ביי וועלכע זי האָט קיין שום שלעכטס נישט געזען. זי קען בשום אופן נישט פאַרשטיין די סיבה פון די אַלע ווילדקייטן. אין איר פּרימיטיווער נאַיוויטעט אידענטיפיצירט מאַריאַננאַ די ליידן פון איר באַלעבאָס ליפשיץ מיט די ליידן פון קריסטוסן. דער טרויעריקער גאַנג פון די יידן אין געטאָ זעט אויס אין אירע אויגן, ווי אַ הייליקע פּראָצעסיע, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס גייט ער אַליין, גאָטס זון, און דער געשטאַלט פון איר באַלעבאָס יצחק ליפשיץ.

אין דער טיף פון איר האַרצן פילט זי, אַז זי קען נישט, אַז זי טאָר נישט פון די דאָזיקע ליידן אַוועקגיין. זי באַשליסט זיך צו

בלייבן אין געטאָ, און כמעט אין דער פינצטער, אין נייעם ענגן שטיבל פון דער געטאָ־וווינונג, זיצט זי איינגעבויגן איבער אירע אַלטע מלבושים און נייט צו צו זיי די געלע לאַטע. דער דאָזיקער באשלוס פילט אָן אַלע אירע גלידער מיט אַ גרויסער ליכטיקער פרייד.

אין דער פרעמדער פינצטערער שטוב פון זיין געטאָ־וווינונג שטייט דער ייִד ליפשיץ איבער זיין דינסט און וואָרנט זי:

— גיי אַהיים... גיי צוריק אין שטאָט אַריין „, מאַריאַנגע,,, דער דייטש מיינט נישט דיך,,, ער מיינט בלויז אונדז... אונדז ייִדן.,,

אָבער דער דינסט האַלט זיך, אַז „פאַר איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט די געשטאַלט פון הייליקן זון און מיט אַ פאַרטרערט פנים עפעס צו איר גערעדט. אויף זיין ברוסט האָט געלויכטן אַ גאָלדענער ייִדישער שטערן, פון וואַנען ס'זיינען זיך צעגאַנגען פייערלעך און ליכט־שטרייפן. די דאָזיקע רויטע ליכט־שטרייפן האָבן זיך אָנגעהויבן אויספורעמען אין געשטאַלט פון אַ האַרץ, פון וואַנען ס'זיינען גערינען טראָפנס בלוט. דער ייִדן־שטערן האָט אָבער ווייטער געלויכטן און אַרומגעצוימט זיין פנים מיט אַ בלאַס, גרין ליכט“.

וואָס פאַר אַ טיף מענטשלעך געפיל אַנטפלעקט פאַר אונדז שפיגל אין דער דאָזיקער פוילישער פאָלקס־פרוי, און ווי אמתדיק עס גייט אויף פאַר אונדז, אַ דאַנק דער פאַרבילדלעכונג און כאַראַקטעריסטישע פאַרשטעלונגען, וועלכע אַנטשפרעכן דער סביבה און דערציונג פן דער דאָזיקער פרוי! דאָס דערהויבט די נאָוועלע, ביי דעם פולשטענדיקן מאַנגל פון וועלכער ס'איז ספעציפישער טענדענץ, צו אַ קינסטלערישער און במילא אמתער אין טיפערן זין פון וואָרט אַפאָלאָגעטיק פון פוילישן פאָלקס־מענטש, פון מענטש בכלל.

די זעלבע נישט צוגעשפיצטע, פון זיך זעלבסט אויפקומענדיקע מענטשלעכע דערהויבונג אַנטפלעקט פאַר אונדז די דערציילונג „דער הימל פון אָנקל טעאָדאָר“.

אַ שטילע ליכטיקייט גייט נאָך שפיגלס העלדן אויף דעם וועג פון אומגלויבלעכער מענטשלעכער געפאַלנקייט. ביים ראַנד פון טיפסטן אָפגרונט, ווו די פאַשיסטישע בלוטדורשטיקע היטלער־חיה פאַרגיינט איר אויסערלעכע מענטשלעכע געשטאַלט דורך מעשים פון גרויזאַמען און ווילדן שגעון, פינקלט אויף, ווי אַ ווי־

טער, ווייטער ליכט־שטראַל אין אַ פינצטערער עלנטער נאַכט, אַ שיין פון אמתער מענטשלעכקייט.

פון די פוסטע חרובע גאַסן פון געטאָ האָט דער ווינט שוין בלויז דערטראָגן אַ דין ווידערקול פון יידישער יללה, „פון איינציקע צעשראָקענע מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן אַרויס־געשלעפּט פון די פאַראיינזאַמטע באַהעלטענישן — און אין דער קעלערדיקער פינצטערניש האָט דער אָנקל טעאָדאָר מיט אַ רו־איקער שטים אַריינגערעדט אין דער 16 יעריקער, פון הונגער און שרעק דערשלאָגענער פיגעלע, אַז „זי דאַרף נישט מורא האָבן, וואָרעם ס׳איז קיין טויט נישטאָ אויף דער ערד, נישטאָ קיין שטאַרבן פאַר די, וואָס טרינקען דאָס ליכט פון די שטערן“. און אַז די היטלעריסטישע בעסטיעס האָבן סוף־כל־סוף אויך זייער באַהעלטעניש געפונען און אַרויסגעפירט אויפן הויף, „זיינען זיי ביידע געגאַנגען אַרומגענומען פאַר די הענט ווי קינדער“... און „זייערע קעפּ זיינען געווען אויפגעהויבענע און געקוקט פאָרויס צום שיינעם פיצל הימל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף יענער זייט מויער“.

אין אַרומיקן גרויל, אין דער אויסטערלישער סביבה פון אומ־היימלעכע פינצטערע שרעקן, וועלכע ווערן אַזוי נאַטירלעך אין באַגלויבלעך געשילדערט אין די נאָוועלן „אַ קאָטש פאַרט אויף אַ חתונה“, „אין דער פינצטער“. „אין אַ טויטן געסל“ א.אַ. לויכטן אויף אַזעלכע טיף מענטשלעכע אויסלייטערונגען ווי מאַריאַנגע און אָנקל טעאָדאָר מיט אַ באַזונדערער שיין פון טרייסטנדיקער גנאָד און שטילער האָפענונג. עס ווערט טיפער, אָבער העלער דער מרויער, אַזוי, אַז עס זעט זיך דורך אים אַ שטראַל פון קומענדי־קער הילף און אויפריכטונג פאַר דעם מענטש.

דער דאָזיקער שטראַל האָט שפּיגל מיט עכטע, קינסטלערישע מיטלען באַוויזן אַרויסצושלאָגן פון דעם חושכדיקן „מלכות גע־טאָ“, ווי פונקען פון פינצטערן שטיין, און אין טרייסטנדיקע שטערן צעהענגען איבער אונדזער גרויזאַמער נאַכט.

די עכטע קונסט רעדט מיט שטילע רייד. מעג די טעמע אירע זיין צער, מעג די טעמע אירע זיין פרייד. דורך שטילקייט טרעט נישט בלויז אַרויס דער קלאַנג פון יעדן וואָרט, נאָר מיר דער־

הערן אויך דעם ציטער פון דער ספּעציפישער אַטמאָספער, וועל־כע רינגלט אַרום יעדעם וואָרט.

פון ישעיהו שפּיגלס געטאָ־דערציילונגען גייט אויף אַזאַ האָפענונגסלאָזע האַרבסטיקע שטילקייט, און וועלכער מיר דערהערן דעם ציטער פון יעדן וואָרט און פון דער אומגעבונג, פון וועלכער דאָס וואָרט קומט אויף.

מיט פּשוטע ווערטער שילדערט שפּיגל דעם אָנקום פון די דייטשן, און די בהלה, וועלכע דער דאָזיקער אָנקום רופט אַרויס ביי דער באַפעלקערונג, אָבער פון די דאָזיקע פּשוטע ווערטער יאָגט מיט גרויל און שרעק פון אַלטע ווילדע צייטן.

די דייטשן גופא ווייזט אונדז נישט שפּיגל, נאָר פון הינטער די שורות ווייעט אויף אונדז די גאַנצע צייט זייער ווילדער אָטעם און פאַר אונדזערע אויגן שטייט אין איבעררייס זייער גרויזאַמער שאָטן.

י. שפּיגל דערגרייכט דאָס מיט עכטע מיטלען. ער ברענגט דאָס אַרויס דורכן האַרץ־ציטער פון געזונטן שמידער־יונג סענדער, וועלכער פּרוווט זיך דורכגנבענען דורך די דראָטן אויפן בית־עולם. סענדער איז מתפּלל ביים קבר פון זיין טאַטן: „איך גיי אַוועק פונדאַנען, כ׳גיי ראַטעווען ס׳לעבן און זוכן נקמה, ווי דיין הייליקער ווילן איז געווען. אין זכות פון דיין הייליקן טויט, טאַטע, און אין זכות פון דיינע טויטע שכנים, העלף מיר, שיץ מיך פון דער סכנה... איך ליג נעבן דיר און בעט פאַר אונדזער לעבן, איך, סענדער, בעט ביי דיר: שיץ אונדז אין דער גרויסער סכנה, מי זיך פאַר אונדז“...

עס קומט אויך אויף אין די צוויי רירנדיקע קינדער־דערציי־לונגען „ברויט“ און „בליעכץ“, אין וועלכע שפּיגל לאָזט אויפגיין די צעפּלאַטערטע הערצלעך און צעשראָקענע מוחלעך פון די יידי־שע קינדער אין דער קלעמענדיקער אַטמאָספער פון געטאָ, ווי בלאַסע קרענקלעכע געוויקסן אין טיפע טונקעלע ברונעמער.

דאָס געשפּרעך צווישן אומעלען און פערעלען, בעת זיי קוקן דורך דעם שפּעלטל אין בוידעם אויף דער קעגנאיבערדיקער שפּייז־קראָם אויף דער אַרישער זייט, און דער קורצער דיאַלאָג צווישן מענדעלען און דעם קריסטלעכן קינד דורך די דראָטן, זיינען אַזוי נאַיוו־קינדעריש און מענטשלעך־רירנדיק, אַז בלויז דאָס אַליין

איז שוין געגוג, אַז מיר זאָלן דערפילן לייבלעד=נאָענט דעם גאַנצן גרויל פון יענער צייט.

גלייכצייטיק גייט אויף פון די און אַלע אַנדערע נאָוועלן די גרויסע עטישע שלימות פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט זיך נישט איינגעבראָכן אין אָנבליק פון אַזאַ שוידערלעכער פּיין. דער גאַנצער אַרום, מיט קליינע אויסנאַמען, לעבט ווי אַ בייזע בלוטדורשטיקע חיה אויף די שוועלן פון די הילפלאָזע צעשראָקענע ייִדישע נעסטן. יעדעס ייִדיש הויז איז אַרומגענומען מיט שרעק, מיט הונגער און טויט. יעדער טאָג איז פאַרגאָסן מיט בלוט און יעדע=נאַכט איז פול מיט גרויל. נישטאָ זיך ווו צו ראַטעווען. פון אומעטום דערטראָגט זיך דאָס ווילדע געלעכטער פון דער היטלעריסטישער בעסטיע, פון אומעטום גייט אויף מיט אַ פּראַסטיקן שוידער דער קאַלטער גלאַנץ פון אירע מערדערישע ציין. און שימעלע (פון דער דערציילונג „ברויט“) זיצט גאַנצע טעג איינגעהילט אין טלית און תפילין און גייט אויס ווי אַ ליכט פון חרטה און בושה פאַר זיין אומענדלעך פאַרברעכן, וואָס ער האָט אין גרויס הונגער זיך פאַרגעסן און אויפגעגעסן די פאָרציע ברויט פון זיין פאַמיליע. און הערש לייב (פון „איבערגעלעבט“), אַ געשוואָלענער פון הונגער, פאַרן טויט, איז נאָך אַלץ פול מיט בטחון און „אַ צוזאַמענגעקווילטער אויפן בעטל און דער פינצטערניש, ליינט צעגויף זיינע אָנגעלאָפענע, וואַסערדיקע הענט אויפן האַרץ און טוט תפילה. ער טוט תפילה, אַזוי ווי אַמאָל, אין די יאָרן פון ייִדישקייט, בעת ער איז געשטאַנען אין קלויז פאַרן פאַרמאַכטן ארון קודש און געכליפּעט פאַרן רבונו של עולם“, און איטשע בער (פון „ייִדן“) אין זיין אומבאַגרענעצטער ליבע צו אַלע ייִדן, די פאַרפייניקטע און גערודפטע, צינד זיך אָן אין זיין תפילה, ווי אַ פלאַם, אַזוי, אַז זיין ווייב שרה לאה דערקענט אים שוין נישט מער, „ווי עס וואָלט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אין דער טונקלקייט אַ פייערדיקער מלאך, וואָס וויינט און טוט תפילה פאַרן גורל פון אַלע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט“. און היינץ פרידריך לעווי, דער ייִדישער מוזיקער, וועלכער איז צונויפגעוואַקסן מיט דער דייטשישער קולטור, איז אין זיין גרויסער תמימות ווייטער פול מיט ליבע צו די גאונים פון דער דייטשישער מוזיק.

— ווייסן זי ווער דאָס וואַר? דאָס וואַר, מיינע הערן, שובערט... שו=ב= ע=ר=ט„

און אַזוי זעלדע פון „ליכט פון אָפּגרונט“, און אַזוי דער רוימער וועלוול אין „געזאַנג פון די פייגל“.

טויזנטיעריקע פּיין האָט אויסגעלערנט דאָס פאָלק צו דערזען און אויפצוהיטן דאָס מענטשלעכע אויך אונטער די פליגלען פון טויט. אויך אין שאָטן פון דער האַק און פון האַקנקרייץ.

י. שפּיגל הויבט אַרויס דעם דאָזיקן שטריך אויף דעם סאַמע נאַטירלעכסטן אופן. ער קומט אויף ווי פון זיך אַליין מחמת דער אומטיטלבאַרקייט און דעם אמת פון דער דערציילונג. שפּיגל קלייבט נישט צו קיין פאַקטן און געשעענישן, ער גיט אָבער יעדן פאַקט אַזוי, אַז ער דערהויבט אים צו אַ געוויסער פאַראַלגעמיינע־רונג, דורך וועלכער מיר דערזען און דערפילן דאָס גאַנצע לעבן פון דער צייט.

די טויערן פון די געטאָס און פון דעם אַלעמען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, האָבן אונדז שוין טיילווייז געעפנט פיל אַנדערע. שפּיגל איז פון די ערשטע, וואָס עפענען פאַר אונדז אויף די הער־צער, וועלכע האָבן אין געטאָ געקלאַפּט און געליטן.

(סוף)

אינהאלט:

I.

פראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור

זייט

1. פאָרוואָרט . . . . . . 7 — 11
2. מיטן פנים צו דער קלאַסיק . . . 12 — 21
3. דאָס וועזנטלעכע פראָבלעם אין אונזער ליטעראַטור 22 — 31
4. קידוש־השם און קידוש־היסורים . . . 32 — 38
5. מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן לעבן 39 — 42
6. די ליטעראַטור פון מוט און בטחון . . 43 — 48

II.

שרייבער און ביכער

7. די משלים פון ל. אָליצקי . . . . 51 — 57
8. „צווישן הימל און וואַסער" פון הערץ בערגנער 58 — 64
9. בינעם העלער . . . . . 65 — 75
10. דער וועג פון חיים גראַדע . . . 76 — 86
11. אלחנן וואָגלער . . . . . 87 — 91
12. „חורבות דערציילן" פון ב. מאַרק . . 92 — 97
13. געטאָ־און פאַרטיזאַנער־דערציילונגען פון הערש סמאָליאַר 98 — 107
14. אפרים קאַגאַנאָווסקי . . . . 108 — 111
15. משה שולשטיין . . . . . 112 — 118
16. „די יידן פון בעלוויל" פון ב. שלעווין . . 119 — 124
17. די געטאָ־נאָוועלן פון ישעיהו שפיגל . . 125 — 134

פון זעלבן מחבר:

„שטאפּלען" (לידער) וואַרשע 1929

„וועגן צעגייען זיך" (דערציילונג) וואַרשע 1934

ר ע ד אַ ק צ י ע   פ ו ן   פ אַ ר ל אַ ג:

ל. אָליצקי,   ד. ספּאַרד